הײנטיגער נומער האלט 12 זײטען.

№ 78 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem פרייז 30 גראשען Lodzer Tageblat

לאָדזשער טאָגעבלאַט

רעדאקציע און אדמיניסטראַציע: פּיעטריקאווער 16.
טעלעפאָנען: פון רעדאקציע 57, פון אדמיניסטראַציע 47

פרייטאג, כ"ח אדר ב' תרפ"ז || 1 kwietnia 1927 r. || צוואנציגסטער יאָהרגאַנג.

יעדערער דאַרף וויסען, אז אויף גינסטיגע בעדינגונגען בעקומט מען נאר

אין לאָדזשער סקלאַד פון פּאַטעפאָנען, ראַדיא און גראַמאָפאָן-פּלאַטען „MUZA" אינה. בר. קאַלמאַנאָוויטש

לאָדז, נאַרוטאָוויטש 18 (דזיעלנא) טעל. 46-06



ע מפּפהלט: די בעסטע שווייצערישע, ענגלישע און דײַטשע גראַמאָפאָנען, אַנהויבענדיג פון קליינע וואַליזען-טיפּען ביז צו ריזיגע סאַלאָן-טיפּען

פּלאַטען — אויבערסאַנגטאָר י. ראָזענבלאַט אין ניו-יאָרק, ד. ראָיטמאַן, ס. קוואַרטין — צום פּרייזן פון 80—3000 זל.

ווי אויך די לעצטע טאַנץ-שלאַגערס. שטענדיג אַ גרויסער אויסוואַהל אויפ'ן אָרט.

רעפּעראַציע-וואַרשטאַטען אויפ'ן אָרט. ספּעציעלע טישלעך פאַר גראַמאָפאָנען און ראַדיאָ-אַפּאַראַטען.

כשר לפסח — טרינקט נאר מיר „IMLAR" — דעם בעריהמטען — הויפּט-פערקויף אין לאָדז גדאַנסקאַ (דלוגאַ) 5. — כשר לפסח

ארץ-ישראל-מצות

פון די גרויסע מיהלען אין חיפה פון באַראָן ראָטשילד

זענען די בעסטע אין דער וועלט.

צוליב דעם קליינעם קאָנטינגענט, וואָס איז הײַ-יאָהר אָנגעקומען פון ארץ-ישראל דאַרפען זיך אַלע פּריוואַטע בעזאָרגען מיט די מצות, מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען צו ה' א. האלפּערין, צעגעלניאַנאַ 4 (ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע) טעלעפאָן 27-28.

כשר לפסח

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאַך איך בעקאַנט מײַנע ג' קונדשאַפט, דאָס מען בעקומט שוין אין מײַנע געשעפטען

אַלע ארט געריכערטע פליישׁ און וואורשט-אויסארבייטונגען,

ווי אויך ספּעציעלע עקספּאָרט-וואורשט כשר לפסח.

מיט בעשטעלונגען קען מען זיך ווענדען, אין די

צענטראַלע: פּעטריקאָווער 25, טעלעפאָן 25-64.

פיליע: פּעטריקאָווער 51, „ 19-85; נאָוואָמיעסקאַ 13, „ —; „ 34, „ 58-67

פאַבריקס-טעלעפאָן 27-68.

מיט אַכטונג

ס. דישקין.

כשר לפסח

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דער פאַמיליע העכט בּוליבּץ טויט פון זייער פאָטער

ניע עוזר

המקום ינחם אותך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

מענדיל האַמבורסקי און פאַמיליע.

אויף פסח ווײַן און קאָניאַק



כרמל

פיל אַדער ווייניג—עמוואָס „כרמל"-ווײַן מוז זיך געפינען אויף יעדען יודישען טיש. „כרמל"-ווײַן איז גוט, נאַטירליך און כשר לפסח אפילו למהדרין מן המהדרין.

די שוץ-מאַרקע פון ארץ-ישראל'דיגען אמת'ן „כרמל-ווײַן" איז 2 „מרגלים" טראָגען דעם אשכול (אשכול ענבים אחד וישאהו במוט בשנים במדבר י"ג כ"ג).

ברוך-הבא

די נאך פון פאַראַיאָהרען בעריהמטע

דאָלבּ-מאשין-מצה

פון דער בעקערײַ זאַמענהאָף 15 איז שוין דאָ!

אונטער דער שטרענגער השגחה פון בעריהמטען יאַנאָווער רב ווירד די בעקערײַ געפיהרט פון בעוואוסטע פאַכלײַט און ג"ש די מעגליכקייט דער ג' קונדשאַפט צו געניסען פון ווירקליך היגיענישע מצה, געבאַקען פון בעסטען סאָרט מעהל און צו בילינע פּרייזען. אום אויסצומײַדען דעם פאַראַיאָהריגען געדראַנג בעט מען די ג' קונדען זיך בעצײַטענס צו פערזאָרגען מיט מצות.

פערקויפס-פיליע: אלטשטאַדט 3.

געדענקט נאר זאַמענהאָף 15 (both sides)

די פערהאַלטענישע יודישע בעקערס

די פעראייניגטע יודישע בעקערס לאָדז, זאַמענהאָף 15, טעל. 149 און 57-34.

אַן אמת'ער עונג יו"ט!

בעסטע מאשין-מצות פון לאָדז.

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט דער לאָדזשער יודישער בעפעלקערונג, אז אין אונזער

היגיעניש-מעכאַנישער

מצה-בעקערײַ

פאַנסקאַ 91

וועלכע געפינט זיך אין לאָדז אויף דער פאַנסקאַ 91 און שטעהט אונטער פערזענליכע השגחה פון יאַנאָווער רב הרה"ג ש"י וואָפּנער אבד"ק גײַערס ראַיאָן, בעקומט מען די שענסטע גוט-אויסגעבאַקענע מצות פון דער בעריהמטער יודישער קאַלישער דאַמפּ-מיהל פון „ברידער קאָוואַלסקי" מעהל 1 א. מיט'ן הכשר פון קאַלישער רב הר"ה ליפשיץ צו זעהר מעסיגע פּרײַזען! דער הורט ווי אויך דער אײַנצעל-פערקויף קומט פאַר טעגליך פון 9 פריה ביז 9 אין אָווענד.

בעם. דאָס ג' פּובליקום ווערט געבעטען צו בעזוכען אונזערע מצה-בעקערײַ, כדי אָנצוקוקען די היגיענישע, עכט-אײַראָפּעאישע אָרדנונג. מיט אַכטונג: די בעהאָוסטע בעקערס פון

עזרה זעליגמאַן עט קאָמפּ. פאַנסקאַ 91.

כשר לחג הפסח!

אַן אמת'ער עונג יו"ט! (side) — כשר לחג הפסח! (side)

טאַנץ-שולע

פון דיפּלאָמירטען טאַנץ-לעהרער

הענריק הענדריקאָווסקי,

וואָלטשאַנסקאַ 57 און אין דער פּריוואַט-וואָהנונג

גדאַנסקאַ 9.

אָנהויב פון די קורסען פאַר די נײַעסטע טענץ ווי: טשאַרלסטאָן, בלאַק-באָטאָם, טאַנגאָ, בלוּס, באָסטאָן, שימי-פאָקס א. א. לויט דער נײַעסטער סאַלאָן-פאָרם. ס'ווערען געלערנט אין ספּעציעלע קאָמפּלעקטען און אויך אײַנצעל-פּערזאָן.

אינפאָרמאַציעס פון 11—8 אָווענד, גדאַנסקאַ 9 און פון 8 אין אָוועד אין דער שולע אויף וואָלטשאַנסקאַ 57.

אויפפאָדערונג.

פאָלגענדע 5 באַלען-פּאַקער:

חערשקאָוויטש פּייוועל

האַכמאַן איציק

רייזמאַן זכריה

מילכמאַן שלמה

שמוּאַ. מרדכי גרוי

פאָדערן מיר אויף צום דריטען מאָל, פרייטאג, דעם 1. אַפּריל 12 אַ זײַגער אין לאַגער וואָלטשאַנסקאַ 73 זיך צו דער אַרבייט צושטעלען, אין געגענפאַל טראָגען זיי די געהעריגע קאָנסעקווענצען, און מיר נעהמען פון זיך אַראָפּ יעדע פעראַנטוואָרטליכקייט.

Dom Transportowo-Ekspedycyjny

F. JELIN i I. RUDOMIN

Spółka Akcyjna.

RAGO St. Gorkiego. Ogłoszenia Wszelkie Odcisków

Dr. H. Rakowski

אינערליכע קראַנקהײַטען

האָט זיך איבערגעצויגען פון זשוואַדזקאַ 25 אויף זשוואַדזקאַ 8 פּר. 1 שטאָק, טעל. 37-34.

Dr. M. GOLDFARB

זשוואַדזקאַ 18. טעלעפאָן 53-19.

הויט- „האַר“ און געשלעכטסקראַנקהייטען

נעמט אָן פון 9—12 פאַרמ. און 5—8 אָווענד.

פאַר אונבעמיטעלטע — פּרײַזען ערמעסיגט.

אַ מאָדערן לוקסוס-צימער

מיט 2 טעפּיכע ווערט געלעגענהײַטליך געזוכט.

טעלעפאָנירען 31-86

גאַל-שטיינער-שמערצען

בעזײַטיגט אָהן אײַנשפּריצונג עלסטער פעלדשער

ש. שושקעוויטש

קאָנסטאַנטינער 38, טעלעפאָן 55-45.

פאַבריק — פון — פיולעגע טעאַטינעגע ...

גאַרדינען קאַפּעס

IZAK BER

Południowa 6 (w podwórzu)

לעזט אַבאָנירט דאָס „לאָדזשער טאָגעבלאַט"

די אַמעריקאַנער הלואה פֿאַר פּוילען

וועט פֿינאַנסירט ווערען ענדע מאַי.

קאָנפֿערענץ פֿון וויצע-פּרעמיער באַרטעל מיט'ן אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר.

וואַרשאַ, 31. מערץ. (אַטע) היינט איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַן אָפֿיציעלער קאָמוניקאַט פֿון דער קאָנפֿערענץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישען דער רעגירונג און די דעלעגאַטען ד"ר מלינאַרסקי און פּראָף. קישנשאַנאָווסקי, וועלכע זיינען צוריקגעקומען פֿון די אונטערהאַנדלונגען וועגען אַ הלואה אין אַמעריקע.

דער קאָמוניקאַט שטעלט פֿעסט, אַז בעת די אונטערהאַנדלונגען איז געקומען צו אַ הסכם מיט די אַמעריקאַנער פֿינאַנסיסטען. די דעלעגאַטען האָבען בײַ די אונטערהאַנדלונגען פֿעסטגעשטעלט די טנאָים אויף וועלכע עס זאָל זיך שטיצען די הלואה. דאָס ווילטיגסטע איז דאָס — מעלדעט ווײַטער דער אָפֿיציעלער קאָמוניקאַט — וואָס מצד די פֿינאַנסיסטען ווערט נישט געשטעלט דער תנאי פֿון אַ קאָנטראָל. די אַמעריקאַנער פֿינאַנץ-קרײַזען בעציהען זיך צו די אײַנציגע בעדינגונגען און פּוילען מיט גרעסטען צוטרוי. די הלואה, וואָס ווערט וואַהרשיינליך פֿינאַנסירט ווערען ענדע מאַי, איז ערשט דער ערשטער שריט אין דער דאָזיגער ריכטונג.

* * *

נאָכמיטאָג האָט דער וויצע-פּרעמיער אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפֿערענץ מיט'ן אַמעריקאַנער באַטשאַפֿטער סטעטסאָן און מיט דעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין שורמאַן. ווי מיר דערוויסען זיך, שטעלט די דאָזיגע קאָנפֿערענץ אין אַ ענגען צוזאַמענהאַנג מיט דער אַמעריקאַנער הלואה פֿאַר פּוילען.

מיטליידס-דעפּעשע פֿון צ'ענטר. סוחרים-פֿעראיין צו דער פֿאַמיליע פֿון לנאַידזשי לוצאַטי.

וואַרשאַ, 31. מערץ. (טעלעפֿאָניש פֿון אונזער קאָרעספּאָנדענט) דער צענטראַלער סוחרים-פֿעראיין האָט אַרויסגעשיקט אַ מיטליידס-דעפּעשע צו דער משפּחה פֿון פֿערשטאָרבענעם גרויסען יידישען מלוכה-מאַן לנאַידזשי לוצאַטי.

דער ניי-בעשטימטער קאָנסול אין ירושלים ד"ר בישעווסקי אין וואַרשאַ.

וואַרשאַ, 31. מערץ. (טעלעפֿאָניש פֿון אונזער קאָרעספּאָנדענט) ווי איך דערוויס זיך, איז געקומען קיין וואַרשאַ דער ניי-בעשטימטער קאָנסול אין ירושלים, דער ביז-אַהעריגער קאָנסול אין דרעזדען, ד"ר בישעווסקי.

אָפּגעזעגענדיג זיך אַ דין-וחשבון און פֿאַרפֿערטיגענדיג זיך אונטערצושמען זיין נייעם אַמט, האָט ד"ר בישעווסקי פֿריהער צבצוהאַלטען געשפּרעכען מיט די פֿערשיעדענע אינטערעסירטע קרייזען און אויסצוהערען זייערע מיינונגען וועגען זיינע אויפֿגאַבען.

בקרוב פֿאָהרט ד"ר בישעווסקי אָפּ קיין ארץ-ישראל, וואו ער וועט דעם 1. מאַי איבערנעמען זיין נייעם אַמט.

פּרעסע-דעקרעט ווערט בקרוב אַרויסגעגעבען.

וואַרשאַ, 31. מערץ. (אַטע) אויף אײַנער פֿון די נאָהנטסטע זיצונגען פֿון מיניסטעריען-ראַט וועט, שרײַבט מען, וועט רעדען דער ענין וועגען פּרעסע-געזעץ, וואָס איז לעצטענס אויסגעאַרבייט געוואָרען דורכ'ן יוסטיץ-מיניסטער און פֿערשטענדיגט מיט'ן ושגראַליסטען-סינדיקאַט. צוו. אַנדי בעשליסט דאָס געזעץ, אַז פּרעסע-אַרטיקלען ליגען נאָר אין דער קאָמפּעטענץ פֿון שטראָף-געריכט. פּרעסע-פֿערברעכענס ווערען זעהר שנעל ערלעדיגט, משפּטטשענס אין אַ משך פֿון 14 טעג. אַ קאָנפֿיסקאַציע קאָן געמאַכט ווערען נאָר לויט אַ פֿערצאָרדנונג פֿון פּראָקוראָר, אויספֿאָרשונגס-ריכטער און שטאָטשטעל פֿון פּרירענס-ריכטער. דער קאָנפֿיסקאַט מוז אָבער בעשטעטיגט ווערען דורכ'ן קרייז-געריכט.

פֿאָרד שווער פֿערוואונדעט אין אַ אויטאָמאָביל-קאַטאַסטראָפֿע.

די אַמעריקאַנער פּאָליציי האַלט אַז מ'האָט געמאַכט אויף איהם אַן אַטענטאַט.

ניו-יאָרק, 31. מערץ. (כפ.) פֿון דעטראָיט מעלדעט מען, אַז דער בעוואוסטער אויטאָמאָביל-פֿאַבריקאַנט הענרי פֿאָרד איז שווער פֿערוואונדעט געוואָרען, פֿאָהרענדיג אין אויטאָמאָביל.

אין דער קאַטאַסטראָפֿע זענען אומגעקומען 3 פּערזאָן. פֿאָרד גופֿא האָט בעקומען 3 שווערע וואונדען. פֿאָרד'ן האָט מען אין אַ בעוואוסטלאָזען צושטאַנד געבראַכט אַהיים. די דאָקטוירים האָבען פֿעסטגעשטעלט, אַז מען מוז איהם אונטערגעבען מאַכען אַן אָפּעראַציע; מען האָט איהם אָפּגעפֿיהרט אין אַ שפּיטאַל.

ניו-יאָרק, 31. מערץ. (פּאַט) די געהיים-פּאָליציי האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז די קאַטאַסטראָפֿע מיט דעם אויטאָמאָביל פֿון מיליאָרדער פֿאָרד איז פֿאָרגעקומען צוליב אַן אַטענטאַט. די פּאָליציי זוכט איצט צוויי געהיימניספֿולע פּערזאָנען, וואָס האָבען זיכער אויסגעשווארט אויף אַן אויטאָמאָביל בײַ פֿאָרד'ס לאַבאָראַטאָריע, פֿון וואַנען פֿאָרד האָט געדאַרפֿט אַרויספֿאָהרען, שפּעטער האָבען זיי נאָכגעיאָגט פֿאָרד'ס אויטאָמאָביל און אַנגעפֿאַלען אויף איהם פֿון הינטען, אַזוי אַז דער אויטאָ האָט זיך אַראָפּגעקוילערט פֿון אַ זעהר הויכען נאַסיפּ און איז אַרײַנגעפֿאַלען אין ראָוו. דער אונבעקאַנטער אויטאָמאָביל איז דאַן אַוועק און נעלם געוואָרען. פֿאָרד האָט בעקומען אַ וואונד איבער'ן לינקען אויג און אין קאָפּ-שײַדעל. דער פֿערוואונדעטער האָט זעהר שטאַרקע שמערצען. דאָס בעוויזט, אַז זײַן אָרגאַניזם איז אויך אינערליך בעשעדיגט געוואָרען. די דאָקטוירים האַלטען, אַז לעת-עתה דראָהט נישט זײַן לעבען קיין שום געפֿאַהר.

ווי מען רעכענט, זענען די אָנפֿאַלער געווען באַנדיטען, וועלכע האָבען געוואָלט בערויבען דעם רײַכען אויטאָמאָביל-פֿאַבריקאַנט.

א אידעלע טאַט פֿון ה' אַפּענבאַך,

אינהאַבער פֿונ'ם צענטראַל-באַד אויף זאַכאָדניאַ 38.

1000 אומזיסטע בילעטען אויף שוויץ-בעדער וועלען פֿערטיילט ווערען אין אַדמיניסטראַציע פֿון „לאָדזער טאָגעבלאַט".

אויף אַ פֿאָרשלאַג פֿון ה' ע. האַמבורסקי וועגען געבען די מעגליכקייט אַ טייל פֿון די אָרימע בעפֿעלקערונג בעקומען אומזיסטע בעדער לכבוד פּסח, האָט דער בעזיצער פֿון צענטראַל-באַד אויף זאַכאָדניאַ-גאַס ה' אַפּענבאַך אייַנגעגאַנגען אויפ'ן פֿאָרשלאַג און צוגעזאָגט צו שפּענדען

1000 אומזיסטע שוויץ-בעדער פֿאַר אָרימע יודען.

די שוויץ-בעדער וועלען קאָנען גענומען ווערען דינסטאָג, דעם 12-טען אַפּריל אַ גאַנצען טאָג פֿון 8 אין דער פֿריה ביז 6 אין אָוועגד אין צענטראַל-באַד אויף זאַכאָדניאַ 38.

צו דעם צוועק האָט ה' אַפּענבאַך איבערגעגעבען אין רשות פֿון דער אַדמיניסטראַציע פֿון „לאָדזער טאָגעבלאַט" 1000 בילעטען אויף שוויץ-בעדער און די בילעטען וועלען פֿון דינסטאָג, דעם 5-טען ביז דעם 11-טען אַפּריל פֿערטיילט ווערען אין דער אַדמיניסטראַציע פֿון „לאָדזער טאָגעבלאַט" אין די שעה'ן פֿון 10 אַ זייגער אין דער פֿריה ביז 6 אַ זייגער אָוועגד.

ווער עס וועט קומען וועט בעקומען אַ אומזיסטען בילעט אויף אַ שוויץ אין צענטראַל-באַד דאַרף די בעדער נעהמען דינסטאָג, דעם 12-טען אַפּריל אין צענטראַל-באַד אויף זאַכאָדניאַ 38 אין פֿאָלגענדע ריי:

אויף די בילעטען פֿון נומער 1	ביז 100	— פֿון 8	ביז 9	פֿריה
„ „ „ „ 100	„ 200	— „ 9	„ 10	„
„ „ „ „ 200	„ 300	— „ 10	„ 11	„
„ „ „ „ 300	„ 400	— „ 11	„ 12	„
„ „ „ „ 400	„ 500	— „ 12	„ 1	מיטאָג
„ „ „ „ 500	„ 600	— „ 1	„ 2	„
„ „ „ „ 600	„ 700	— „ 2	„ 3	נאָכמיטאָג
„ „ „ „ 700	„ 800	— „ 3	„ 4	„
„ „ „ „ 800	„ 900	— „ 4	„ 5	„
„ „ „ „ 900	„ 1000	— „ 5	„ 6	„

בעמערקונג: די בעקומענע בילעטען דינען נאָר דינסטאָג, דעם 12-טען אַפּריל נאָר אין דער בעשטימטער שעה ווי ס'ווערט אויבען אָנגעוויזען, אין בעגענפֿאַל פֿערלירען די בילעטען זייער גילטיגקייט.

אַלעמען איז בעוואוסט, ווי שווער ס'קומט אָן דעם אָרימען יודען צו צוגרייטען דעם יום-טוב פּסח, ווי שווער עס קומט אָן בײַ היינטיגע צייט יעדע קלייניגקייט און אייגע פֿון די הויפּט-זאַכען פֿאַר פּסח איז אויפֿצורוימען די שטוב און אַליין זיך ברענגען אין אָרדנונג, וואָס ס'איז וויכטיג און געוואוינען הן צוליב דער הייליגקייט פֿון יום-טוב און הן צוליב היגיענישע טעמים.

אָראָבגעהמענדיג זיך אַ בײַשפּיל פֿון אײַגענטימער פֿון צענטראַל-באַד (זאַכאָדניאַ 38) ה' אַפּענבאַך, וואָס האָט געשפּענדעט 1000 אומזיסטע שוויץ-בעדער פֿאַר אָרימע יודען, האָט דער זייף-פֿאַבריקאַנט ה' ה. קאַנטאָר ... זאַכאָדניאַ 35 געשפּענדעט פֿון זײַן זייף 1000 שטיקלעך זייף פֿאַר די יודען, וואָס וועלען בעקומען די אומזיסטע שוויץ-בעדער אין צענטראַל-באַד.

די 1000 שטיקלעך זייף האָט ה' קאַנטאָראָוויטש איבערגעגעבען אין רשות פֿון אײַגענטימער פֿון צענטראַל-באַד ה' אַפּענבאַך אין בײַם אַרײַנגעהען אין שוויץ-באַד, וועט יעדער, וואָס וועט האָבען אַ בילעט אויף בעקומען אַ שטיקעל-זייף אומזיסט.

2436

שפּיגעל-פֿאַבריק און גלאָז-שלייפֿעריי

JAKÓB FELIX

Piotrkowska 20
Telefon 19-03
(עקזיסטירט זייט יאָהר 1893)

מאַכט בעקאַנט דער ג' קונדשאַפֿט, אַז אויסער די שפּיגלען פֿון פֿעסטע מאָסען, וואָס דער לאַגער איז שטענדיג רייך פֿערזעהן, ווערט אויך אָנגענומען בעשטעלונגען יעדעס מאָס און פֿאַסאָן לויט'ן פֿערלאַנג מיט דער שנעלסטער און פּינקטליכער אויספֿיהרונג

אַלץ פֿון אָריגינעלען בעלגישען שפּיגעל-גלאָז.

N.B. איך גאַראַנטיר נאָר פֿאַר די שפּיגעל, וואָס זענען מיט מײַנעם פֿירמאַ-שטעמפּעל (אַ חוץ די עטיקעט) פֿעררופֿען, איך בעזיץ גישט קײן פֿיליאַלע

אויסשליסליכער פֿערקויף פֿון

פֿענסטער-שויבען

ווי אויך דאַך- און דראָהט-גלאָז, אָרנאַמענט-גלאָז, ווייסעס און פֿאַרביגעס פֿון דער בעלגישער אַקציען-געזעלשאַפֿט, גלאָז-היטען אין:

Radom, Szczakowa און Ząbkowice.

Dr. I. Silberstrom

Zielona 11

ספּעציאַליסט פֿאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען.

נעמט אָן פֿון 3 ביז 6 נאָכמ. און פֿון 7.30 ביז 9 אָוו. זונטאָג פֿון 9 ביז 1 מיטאָג.

Dr. med. J. BETTE

ספּעציאַליסט פֿאַר אינערליכער און קינדער-קראַנקהייטען

6 Piotrkowska 6

tel. 44-95.

9184

ELEKTRON

ŁÓDŹ, SIENKIEWICZA 33

SPRZEDAŻ MATERJAŁÓW ELEKTROTECHNICZNYCH PO CENACH UMIARKOWANYCH

Dr. med. Braun

ספּעציאַל-אַרצט פֿאַר הויט-און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער שוואַכע.

בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-ליכט (האָר-אויספֿאַל)

23 פּאָלודניאָוואַ 23

טעל. 40-26

נעהמט אָן פֿון 9—11 און פֿון 5—8 ז. אָוונט.

Dr. med. STUPEL

12 SZKOLNA 12

ספּעציאַליסט פֿאַר הויט, האָר און ווענערישע קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע, רענטגען-שטראַהלען און קוואַרץ-ליכט עלעקטראָ-טעראַפּיע.

נעמט אָן פֿון 6—9, פֿרויען פֿון 12—3.

Dr. Prybulski

זאַוואַדזקאַ 1 :— טעלעפֿאָן 25-38

ווענערישע האָר- און הויט-קראַנקהייטען, מענער-שוואַכען בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-ליכט (האָר-אויספֿאַל) און פֿרויען פֿון 3 ביז 4 נאָכמיטאָג.

Dr. med. Z. Datyner

ספּעציאַליסט פֿאַר נירען- בלאָז און אורין-קראַנקהייטען

Piramowicza 11 (פֿריהער אַלגינסקאַ)

Tel. 48-95.

נעמט אָן פֿון 1 ביז 2 און 5—8 אָוונד.

Dr. Różaner

ספּעציאַליסט פֿאַר הויט-ווענערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע.

היילונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען און דיאַטערמיע

Dzielna 9 (Narutowicza)

טעל. 28-98.

פֿון 8—10, 5—8. פֿרויען 3—4.

WYPRÓBOWANY ZNAK TOWAROWY — PODRABIAŃ ZNAK TOWAROWY

ANUSOL

GOEDECKE & Co

WYPRÓBOWANY I WYGODNY SPROWADZAJĄCY ULGĘ w CIERPIENIACH

LECZNICZY ŚRODEK PRZECIWKO

HEMOROIDOM

CZOPKI ANUSOL

PRAWDZIWY TYLKO w PUDEŁKACH z PLOMBĄ DO NABYCIA we WSZYSTKICH APTEKACH I SKŁADACH APTECZNYCH.

JENERALNI PRZEDSTAWICIELE NA RZECZPOSPOLITĄ POLSKĄ DOM HANDLOWY ED. KOCH i W. BORMANN WARSZAWA UL. BODUENA No 1.

Dr. med. S. Neumark

Moniuszki 5, (פּאָסאַזש-מייער)

ספּעציאַל-אַרצט

פֿאַר הויט, האָר- און ווענערישע קראַנקהייטען

בעהאַנדלונג מיט רענטגען-שטראַהלען.

נעמט אָן פֿון 11 ביז 1 און פֿון 7—8,

פֿרויען פֿון 3 ביז 4 נאָכמיטאָג.

קאָסמעטיש-מעדיצינישער קאַבינעט

Dr. med. P. Markowicz

124 פּיעטריקאָווער 124

נעמט אָן פֿון 3 ביז 7, זונטאָג און יום-טוב — פֿון 11 ביז 2

הויט- און האָר-קראַנקהייטען.

היילונג געוויקסען-פֿעהלער, מאַסאַזש, עלעקטראָטעראַפּיע.

Dr. med. J. IMICH

Moniuszki 1 (פּאַסאַזש-מייער) Tel. 9-97

ספּעציאַליסט

פֿאַר האַלז- נאָז- און אויערען-קראַנקהייטען.

נעמט אָן פֿון 3 ביז 4 נאָכמ. און פֿון 5 ביז 7 אָוונד, אין לעטשניצע „סאַניטאַס", צעגעלניאַנאַ 29, פֿון 4—5 נ"מ.

Dr. med. L. Pikielny

ספּעציאַליסט פֿאַר נירען- בלאָז- און אורין-קראַנק.

נעמט אָן פֿון 4—7 נאָכמ.

נאַוראָט 8, — טעל. 19-90.

Dr. Z. Rakowski

ספּעצ. פֿאַר אויערען, נאָז, האַלז און לונגען-קראַנקהייטען

9 קאָנסטאַנטינאָווסקאַ 9 טעלעפֿ. 27-81

ספּעציעלער קורס פֿאַר שטאַמלער.

שפּרעכשטונדען פֿון 12—2 און פֿון 5—7.

נעהמט אויך אָן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פֿון 10 ביז 11 און פֿון 2 ביז 3 נאָכמ.

8016

J. Karmazyn צאָהן-אַרצט

פּאָלודניאָוואַ 2

נעמט אָן פּערזענליך. ספּעציאַליסט פֿאַר ווייסע און קינסטליכע צייהן אָהן גומען. בײַם בעשטעלען קינסטליכע צייהן-וואורצעל און קראַנקע צייהן-בעזייטיגונג—גראַטיס.

Dr. med. Ludwik Rapeport

1°. Narutowicza 25 (דזיעלנאַ) Tel. 44-10

ספּעציאַליסט פֿאַר נירען-, בלאָז- און האַרן-קראַנקהייטען

נעמט אָן פֿון 1—2 און פֿון 4—7 אָוונד.

Reduta
הײנט פּרעמיערע! פון גרױסען דראַמאַטישען פּראָגראַם!
מיט דער באַטײליגונג פון דער לאַנג ניט געזעהענער בת־יהודה פון שטאָלץ־קעניג
אַסי אַסוואַלדאַ
און PRISCILLI DEAN
ניט פערגעסער מעדעל פון סטאַמבול אין דער ראָל פון
אָנהויב 6 א זײגער, לעצטער סעאַנס 10 אָװענד.

הײנט פּרעמיערע! פון גרױסען דראַמאַטישען פּראָגראַם!
אַלס פרײלײן רױטע שליח מיט אַ פּראָטעקציע...
הומאָר, פרעהליכקײט, העלדישקײט, גשיקטקײט, כשוף און הערליכקײט פון די שטעט־
רענס פון בײדע װעלט־טײלען, װעלכע שאַפען אַ מוסטער פון אַ מאָדערנעם פילם.
אָנהויב 6 א זײגער, לעצטער סעאַנס 10 אָװענד.

בלוטיגע דעמאָנסטראַציע פון סטודענטען אין רומעניען

אױפרופען צו אַ פאַשיסטישע רעװאָלוציע און צו ערמאָרדען דעם בילדונגס־מיניסטער פאַרװאָס ער פיהרט ניט איין דעם „נומערוס קלאַוזוס".—פאָליציי צוטרייבט די דעמאָנסטראַציע.—פאָליציי־קאָמיסאַר און 9 סטודענטען פערוואונדעט.—אינטערפּעלאַציע פון קוזא אין פּאַרלאַמענט וועגן בעפרייען די אַרעסטירטע.—סטודענטען טרייבען אַרױס זייערע יודישע חברים פון אוניװ.

בוקאַרעסט, 31. מערץ. (טעלעגראַפיש דורך יטא) „אדװערול" מעלדעט, אַז דעם 28. מערץ האָבען די רומעניש סטודענטען אַרױסגעלאָזען אַן אױפרוף, וואָס ענטהאַלט שאַרפע אױסדריקען געגען דער רעגירונג, פון וועלכער עס ווערט געפאָדערט איינצופיהרען דעם „נומערוס קלאַוזוס".

אין זעלבען טאָג האָבען די סטודענטען איינגעאָרדנעט אַ מיטינג מיט'ן אָנטייל פון פראָפ. קוזא.

נאָכ'ן מיטינג האָבען די סטודענטען פאַרמירט אַ דעמאָנסטראַציע. פּאָליציי האָט די דעמאָנסטראַציע צוטריבען און ס'איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס, בעת וועלכען עס איז פערוואונדעט געוואָרען אַ פּאָליציי־אינספּעקטאָר, אַ קאָמיסאַר און 2 סטודענטען.

פּראָפ. קוזא האָט דאַן אינטערוועניר בײם פּאָליציי־פּרעפעקט און אינערן מיניסטער נאָגאַ צו בעפרייען די אַרעסטירטע סטודענטען. דער אינערן־מיניסטער האָט בעפוילען צו מאַכען אַן אױספאָרשונג און דאַן די סטודענטען צו בעפרייען.

בוקאַרעסט, 31. מערץ. (טעלעגר. דורך יטא) אויף דער לעצטער זיצונג פון רומענישען פּאַרלאַמענט האָט פּראָפ. קוזא אינטערפּעלירט דעם בילדונגס־מיניסטער, פאַרוואָס ער מיט נישט ערווען דעם מיניסטערס בעפעהלען דעם „נומערוס קלאַוזוס", וואָס זיינען געוואָרען בעת דער דעמאָנסטראַציע דעם 28. מערץ און דאָן האָט קוזא אױפגעפאָדערט דעם מיניסטער גלייך איינצופיהרען דעם „נומערוס קלאַוזוס" אין אַלע רומענישע אוניווערזיטעטען.

דערויף האָט דער בילדונגס־מיניסטער פּעטראָוויטשי געענטפערט, אַז די פאָדערונג מכח איינפיהרען „נומערוס קלאַוזוס" איז נישט ערפילבאַר. וואָס שייך די אַרעסטען פון די סטודענטען, האָט דער מיניסטער געזאָגט, קאָנען זיי נישט בעפרייט ווערען צוליב די העצערישע אױפרופען. אין וועלכע עס איז גע־דראָהט געוואָרען מיט אַ רעוואָלוציע און מיט ערמאָרדען דעם בילדונגס־מיניסטער.

בוקאַרעשט, 31. מערץ. (טעלעגראַפיש דורך יטא) אויף דער לעקציע פון רומענישען רעכט און דער בוקאַ־רעשטער אוניווערזיטעט, האָבען די סטודענטען אױפגעפאָדערט זייערע יודישע קאָלעגען צו פערלאָזען דעם זאַל.

די יודישע סטודענטען האָבען אָהן ווידערשטאַנד פערלאָזען דעם זאַל און צו קײן עקסצעסען איז נישט געקומען.

ראַטענוי'ס מערדער פּעראורטיילט אויף 7 און אַ האַלב יאָהר שווערע תפיסה.

בערלין, 31. מערץ. (פּאַט) היינט איז אַרויסגעטראָגען געוואָרען דער אורטייל אין פּראָצעס פון ראַטענאַו'ס מערדער. דער אונטער־אָפיציר פון מאַלאָ מאַן איז פאַר צוזאַמענשטעלען דעם קאָמ־פּאָר פון זיינע פּאָליטישע פיינד, פעמ־משפּט געוואָרען אויף 5 יאָהר שווערע תפיסה און פאַר בעטייליגען זיך אין'ם מאָרד פון נשו. מיניסטער ראַטענאַו — אויף 2½ יאָהר שווערע תפיסה. דער צווייטער בעשולדיגטער, דער גשו. וואַל־מייסטער שוועגע איז פּעראורטיילט גע־וואָרען פאַר געבען הילף די מערדער אויף 1½ יאָהר שווערע תפיסה, דער דריטער בעשולדיגטער, דער גשו. רעדאַקטאָר פון שמאַהלהעלם, הייניג, איז צוליב מאַנגעל אין בעווייזען אינגאנצען בעפרייט געוואָרען.

ראַדאָשיצער רבי וועט שבת פּראַווען טיש.

(נ) דער רבי ר' ישראל יוסף פון ראַ־דאָשיץ האָט געלעבט פּאַרמיטאָג גע־זאָגט יום־כפּור־קטן און אַלטשטעטישען בית־המדרש. אין דעם מקום־קדוש האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסער עולם. נאָך די תפילות האָבען די יודען דערלאַנגט דעם רבי'ן די תאנר. הערביי האָבען פיל יודען זיך מזכיר געווען פאַר'ן רבי'ן.

רבי ישראל־יוסף שליט"א האָט זיך גע־געבען סגולות און געוואונשען אַלדאָס בעסטע אַנ'ם זכות פון זיין פאָטער רבי ר' אליעזר דוד'ל זצ"ל.

היינטיגען שבת וועט דער רבי ר' ישראל־יוסף שליט"א פיהרען טיש אויף זיין סטאַנציע ביי ר' דוד הערש ליום אויף ווסלאַרניאַ 6.

די נייע וואַלוטע אין א"י מיט ענגלישע, העברעאישע און אַראַבישע אויפשריפטען, וועט בקרוב אַרויס־געלאָזט ווערען אין אומלויף.

ירושלים, 31. מערץ. (טעלעגראַ־פיש דורך יטא) לויט דער לעצטער אָפי־ציעלער מעלדונג, וואָס איז די טעג פּער־עפענטליכט געוואָרען, וועלען די מטבעות פון דער נייער א"י'דישער וואַלוטע אַרויס געלאָזען ווערען זאָגן פערקעהר אין דער צווייטער העלפט פון יאָהר 1927.

די מטבעות וועלען זיין זילבערנע, ניקעלנע און בראָנזענע. קיין גאָלדענע מטבעות וועלען נישט זיין.

די מטבעות וועלען האָבען אויפשריפ־טען אין דריי שפּראַכען: ענגליש, העברעאיש און אַראַביש. אַ געוויסע צאָהל נאָכ'ן איינפיהרען די נייע וואַלוטע וועט נאָך זיין אין אומלויף אויך די עגיפּטישע וואַלוטע. שפּעטער וועט דורך אַ ספּע־ציעלער פעראָרדנונג די נייע וואַלוטע בעשטימט ווערען אַלס איינציגע וואַלו־טע פון א"י.

עקסמיסיעס ביי נישט־פערמעגליכע לאָקאַטאָרען, זאָלען נישט אַדורכגעפיהרט ווערען.

(ע) אויף דער קאָנפערענץ, וועלכע דער וויצע־פּרעזעס קאָנאַרסקי האָט אָפּגעהאַלטען מיט'ן וויצע־פּרעמיער באַרטעל איז בעריהרט געוואָרען די פראַגע וועגען אָפּהאַלטען די עקסמיסיעס ביי די לאָקאַטאָרען, וועלכע ווערען עקסמי־טירט דערפאַר, ווייל זיי צאָהלען נישט קיין דירה־געלט צוליב נויט. וויצע־פּרע־מיער באַרטעל האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך בעמיהען, אַז אַזעלכע עקס־מיסיעס זאָלען נישט אַרויסגעגעבען ווע־רען.

מאָרגען הויבען זיך אָן די גאַסטשפּילען פון „וויקט" אין „סקאַלאַ"־טעאַטער.

דער נאָמען „ווי.ק.ט." איז אונז בעקאַנט נאָר פון אַ פּאָר יאָהר צוריק, בעת די היינטיגע לייטער פון וואַרשאַווער יודישען קונסט־טעאַטער האָבען געווילט פּוי אונז מיט זייער טרופּע, אויפפיה־רענדיג „די זיבען געהאַנגענע", „דעם קאָרגען", „שבתי צבי" און אַנדערע פּיע־סען.

אין לעצטען יאָהר האָבען די בעשאַ־פער פון „וויקט", אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו, בעוויזען צו רעאָרגאַ־ניזירען דעם אַנסאַמבל און אין משך פון אַ האַלב יאָהר האָט זיך דער „וויקט" מיט זיינע אויפפיהרונגען און קונסטלע־רישע שפּילען אַרויסגערוקט ווייט אויפ'ן אויבערשטען פון די יודישע טעאַטערס אין אייראָפּאַ.

נישט געלייך די פריעכע און אויפ'ן האָט זיך עקזיסטענציאָנעל אַפּגעראַטען וועגען דעם טעאַטער, נאָר אויך אין אויסלענדישע צייטונגען האָט מען געלויבט געגעבען בעגייסטערטע אָפּשאַצונגען וועגען דעם דערמאָנטען טעאַטער. די קריטיק פון אייראָפּאַ פון „וויקט" איז געוועזען דאָס וואָס צוליב אוהם און מאַכען וועגען אוהם האָבען זיך אַנגעהויבען ופּוחים אין דער וואַרשאַווער קהלה און מאַגיסטראַט און דער פּועל יוצא דערפון וועלען אין קורצען זיין די סובסידיעס מצד די דער־מאַנטע אינסטיטוציעס פאַר „וויקט", דאָס וועט מאַכען זיין דער ערשטער פאַל אין פּוילען פון עפענטליכער אַנערקענונג פאַר דעם אמת־קונסטלערישען טעאַטער, וואָס האָט זיך אַזוי קונה־שם געווען בייאַלע די, וואָס האָבען ליב טעאַטער און יודיש טעאַטער בפּרט.

לאָדזער וועט דער „וויקט" שפּילען אין לאָדז נאָר אַ פּאָר טעג און עס איז צאַמת אַ שאַד, וואָס נישט די גאַנצע יו־דישע בעפעלקערונג פון לאָדז וועט קאָ־נען זעהן די אויפפיהרונגען פון „וויקט", אַבער אין משך פון די פּאָר טעג וועט אונז „וויקט" ווייזען 4 פּיעסען: שבת בייטאָג „דעם גורל" פון מערע, שבת אין אָוונט די הערליכע קאָמעדיע פון דוד פּינסקי „דער אוצר", זונטאָג די בעקאַנטע אייראָפּאַ דראַמע „מאָר פיום" פון הערצער און מאָנטאָג „די ברידער קאַראַמאַזאָוו". עס איז דערי־בער קיין וואונדער נישט, וואָס די פּער־אונטערעסירונג פאַר די „וויקט"־פאָר־שטעלונגען איז אַזאַ אויסערגעוועהנלי־כע.

אין אַנסאַמבל פון „וויקט" געהע־רען אויסער די לייטער, אידאַ קאַמינ־סקאַ און זיגמונט טורקאָוו — די פּרויען ס. אַלטמאַן, מ. ראַפּעל, א.א. הערען י. גראָדבערג, א. דאַמב, ז. הירשפעלד, י. מאַנדעלבלאַט, מ. מאַקסימאָוו, מ. מעלי־מאַן, ב. עפּשטיין א.א.

מיר בעגריסען די גאַסטשפּילען פון וואַרשאַווער יודישען קונסט־טעאַטער אין לאָדז און ווינשען אוהם פון טיפען האַרצען דעם גרעסטען ערפאָלג!

קאַנטאָן ריכט זיך אויף אַן'אָפענער מלחמה מיט ענגלאַנד.

לאָנדאָן, 31. מערץ. (א.ט.) פון כינא מעלדעט מען, אַז די ידיעות, וואָס קומען אָן פון די געגענדען, וואָס ליגען לענגס אויס דעם ברעג פון מיטל יאַנג, שלוגען אויף דער העכסטער שטופע פון אומרוהיגקייט. אין נאַנקין האָבען זיך די אונרוהען פערשטאַרקט און דרויען אַליין ווייטער. די לאַגע איז זעהר קאָמפּליצירט.

די לאַגע אין פעקין איז אויכעט אויך געוואָרען אונרוהיג. די אייראָפּעער האָבען זיך דערייבער אַנגעהויבען צו קאָנצענטרירען דער כינעזישער הויפּט־שטאָט.

קינדער לאַקערקעס
פון 7.50 זל.
פון לייווענט אויף גומי־זוילען
פון 3.50 זל.
עמפּפעהלט די פאַבריק פון שיך און סאַנדאַלען אין לאָדז
2 אַנגראַוואַ 2
(רוג נאַמאָמיעסקאַ).

יובילעאום־פאַרשטעלונג פון אַרטיסט ל. נירענבערג.

מאָרגען שבת פייערט דער לאָדזער יודישער אַרטיסט ל. נירענבערג זיין 15־יעהריגען יובילעאום.

לכבוד דעם יובילעאום קומט מאָרגען פאַר אין פילהאַרמאָניע־זאַל אַ פייערליכע פאָרשטעלונג. עס ווערט געשפּילט „די אומגליקליכע טאָכטער", אַ דראַמע אין 4 אַקטען פון ז. ליבין.

צום שלוס ווערט געגעבען אַ פייער־ליכער דיווערטיסמענט, און וועלכען עס בעטייליגט זיך די גאַנצע אַרטיסטישע משפּחה אין לאָדז.

אין דיווערטיסמענט ווערט אויפגע־פיהרט „דער רבי פון ראַדימנע" פון פאָלקסדיכטער הומאָריסט יעקב אַבער־שאַנעק.

זאַל פילהאַרמאָניע
20 נאַרוטאָוויטשאַ 20.
מאָרגען שבת, דעם 2־טען אַפּריל ה. י. 8.30 אָוונט
צום 15־יעהריגען — יובילעאום — ל. נירענבערג
פון בעקאַנטען אַרטיסט
עס ווערט געשפּילט
די אומגליקליכע טאָכטער
לעבענס־בילד אין 4 אַקטען פון ז. ליבין.
די הויפּט־ראָל יואל שפּילט—ה' ל. נירענבערג.
צום שלוס: דער רבי פון ראַדימנא
(אַ פּאַראָדיע אויף אַ פאָלקס־ליד) פון י. אַבערשאַנעק.
מיט'ן אָנטייל פון די ה"ה ליבלינגע פון לאָדזער פּובליקום:
חנה לערנער, סאָניע בעזמאַן, שלמה קוטנער, דוד זיידערמאַן
און א. פּאַלאַכאָוו.
צום ערשטען מאָל אין לאָדז! צום ערשטען מאָל אין לאָדז!
2 סמבטיוו נומערן
I שבת נאָכ'ן משולחנם אויף די קרעסן.
II דער טאַנץ פאַר'ן טויט. — — —
וועלען אויספיהרען פּרל. ס. סענאַל און ה' ב. קרייבאַחיטש.
בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

בונדישע פראַקציע אין דער לאָדזער קהלה.

שבת, ד. 2־טען אַפּריל 10 פרי קומט פאָר אין פילהאַרמאָניע זאַל נאַרוטאָווי־טשאַ 20 אַ גרויסער מיטינג א. ד. ט. „די יודישע קהלה און די אַרבייטענדי־גע מאַסען". אַרויסטרעטען וועלען די חברים י. פּאַט (רעדנער), מיטגליד פון וואַרשאַווער קהלה־ראַט, י. ליכטענשטיין און ס. זעלמאַנאָוויטש, מיטגליד פון דער לאָדזער קהלה־פערוואַלטונג.

בילעטען צו 30 און 50 גראָשען בע־קומט מען אין אַלע פּרעס. פעראיינען און אין די געהעלפער פון אַלג. אַרב. קאָאָפּעראַטיוו.

פון דער פאָלקס־ביבליאָטעק

פ. נ.: א. ד. גאָרדאָן ביי „התאחדות" ציענקיעוויטשאַ 8/5.

די ביבל. קאָמיסיע איז מודיע, אַז ס'איז צוגעקומען נייע ביכער פון די ווייטסטע אויסגאַבען פון דער העברעאי־שער און יודישער ליטעראַטור. די בי־בליאָטעק איז אָפען 4 מאָל וועכענטליך: זונטאָג, דינסטאָג, דאָנערשטאָג פון 7 — 9 און שבת פון 6 - 7 אוו. דער לעזער־צאַהל איז אַ מינימאַלער אַזוי אַז עס איז צוגענגליך פאַר דעם ברייטען יודי־שען לעזער־עולם. אַלס זאַלאָג (ערבון) ווערט אויך אָנגענומען ווערטפולע ביכער. איינשרייבען קען מען זיך אין דער קאַנצעלאַריע פון ביבל. ציענקיעוויטשאַ 8/5 טעגליך פון 9—6.

אַ רייח רעפעראַטען

וועגען דער געשיכטע פון ציוניזם און „התאחדות".

די „התאחדות" אין לאָדז האָט בע־שלאָסען איינצואָרדנען אין פערשידענע טיילען פון דער שטאָט אַ רייח רעפעראַ־טען וועגען דער געשיכטע אין ציוניזם. דער ערשטער רעפעראַט קומט שוין פאָר מאָרגען, שבת 8 אַ זייגער אין אָוו. אין זאַל פון „התאחדות" ציענקיעוויטשאַ 8/5. ס'הויפּט רעפערירען ד"ר משה פּרעליק. איינגאַנג פריי!

פּסח־הילפס־אקציע „תומכי אורחים"

אויפרוף

דער הילפס־פעראיין „תומכי אורחים" אָרגאַניזירט אַ גרויסע פּסח־אקציע

געדענקט, אַז טויזענדער נויט־בעדערפטיגע בכבוד'ע יודישע פאַמיליעס וואַרטען אויף דער הילף!

אויף די טויזענדער גבירים ליגט אַ חוב די פּסח־אַקציע פון „תומכי אורחים" אונטערצושטיצען.

דער פעראיין „תומכי אורחים" נעמט אונטער אויך היי יאָהר פּסח אַ גרויסע אַקציע און ווי עס איז צו ערווארטען איז עס פערלויפיג די איינציגע הילפס־אַקציע אויף לאָדז.

מיר ווענדען זיך דעריבער צו דער נאָבעלער לאָדזער יודישער בעפעלקערונג אונטערצושטיצען די אַקציע מיט אַ ברייטער האַנד, ווייל הונדערטער מענשען וועלען אַ דאַנק „תומכי אורחים" האָבען די מעגליכקייט צו פייערען דעם גרויסען יום טוב פּסח. צו דעם צוועק וועלען זיך צו אייך ווענדען מערה.־מיטגלידער און אויך גבאים פון שטיבלעך און שולען מיט ספּעציעלע שטעמפּעל־בלאָקס. אויך האָבען מיר אַרויסגעשיקט איינקאַסירונגען זאַמלען שטענדער, און דער שטענדער ווערט בעשטעטיגט ביים געלד געבען צו זיין אויפמערקזאַם, אַז דאָס שטענדער־בילעט זאָל האָבען די אונטערשריפטען פון פּרעזעס, סעקרעטאַר און קאַנטראָלער אונטער דעם פעראיינס־שטעמפּעל. עס איז צו ערוואַרטען, אַז די יודישע בעפעלקערונג וועט די אַקציע ווי געהעריג אונטערשטיצען.

מיט דרך ארץ
די פערוואַלטונג פון „תומכי אורחים"
פּרעזעס דאָזאָר לייזער פּליוואַצקי.

דער פּראָפעס. מוזיקער־פעראיין פון דער פּויליש. רעפּ. אַבט. אין לאָדז
מאַכט דערמיט בעקאַנט די עפענטליכקייט אַז ה' מעלאַדיסטאַ יצחק וואָל ווינצענטי פון דער זאַוואַדזקאַ 2, נעוו. פאָרזיצענדער פון פעראַיין איז, צוליב דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער שעדליכער טעטיגקייט, לויט'ן בעשלוס פון דער פערוואַלטונגס־זיצונג פון 30 מערץ ד. י., אויסגעשטראָכען געוואָרען פון דער ליסטע פון די פעראיינס־מיטגלידער, די מאַטעריעלע שאָדענס, וועלכע דער פעראיין האָט געליטען פון אויבען־דערמאָנטען, האָט די פערוואַלטונג בעשלאָסען צו רעגולירען אויף אַ געהעריגען וועג. דער דאָזיגער בעשלוס איז אָנגענומען געוואָרען אויס'ן גרונד פון די ענטדעקטע מיסברויכען דורך אַ ספּעציעלע קאָמיסיע.
פּראָפ. מוזיק־פעראיין פון דער פּויל. רעפּ. אַבטייל. אין לאָדז:
פאָרזיצענדער: (—) ריטערבאַנד.
סעקרעטאַר: (—) פּט. קאָטשאַלקאָוויסקי.

לאָדזער טאָגעבלאַט

נישט רעכטס, נישט לינקס און דאָך נישט קיין ספינקס.

די פּילסודסקי־רעגירונג איז פון איהר ערשטען טאָג א רעטעניש פאַר דער גאַנצער וועלט. זי איז נישט מאָנאַרכיסטיש און נישט ליבעראַל, נישט רעאַקציאָנער און נישט ראַדיקאַל, נישט רעכטס און נישט לינקס, נישט קיין פּאַרלאַמענטאַרישע, אָבער אויך נישט קיין דיקטאַטאָרישע רעגירונג. איז ער טאַקי א צײַט לאַנג געווען, ווי א ספינקס, אײַנגעהילט אין סודות, וועלכע קיינער קאָן נישט דערגעהן. נאָכטעהר סודות'פול זענען געווען די פּלענער פון דער רעגירונג: צו וואָס צילט זי? וואָס זענען איהרע כוונות אויף שפּעטער? וועט ער טאַקי ענדערן די וואַהל־אָרדינאַציע און אויף וואָסער אופן? ווי וועט זי זיך באַציהען צו דער אַגראַר־רעפאָרם, צו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען? וואָס איז איהר פּראָגראַם אין דער אויסערן־פּאָליטיק? און צי האָט זי בכלל א פּראָגראַם?

אויף די אַלע פראַגעס האָט די רעגירונג נישט געגעבען קיין תשובה, און אַלע איהרע האַנדלונגען און מעשים זענען געווען אַזוי פאַרנעפּעלט און גלײַכצײַטיג אַזוי עלאַסטיש, אַז מ'האָט זיי געקאָנט אויסטײַטשען ווי מ'האָט געוואָלט.

האָבען דעריבער אַלע קריטיקירט און גלײַכצײַטיג געהאַנדעלט אין דער זײַט פון דער רעגירונג, בעמיהט זיך זי צו געווינען פאַר זיך. די רעכטע האָבען אַטאַקירט, אָבער נישט אײַנגעריסען מיט דער פּילסודסקי־רעגירונג ווײַל זיי האָבען געהאָפט, אַז זי גייט אויף זייערע דרכים; די לינקע האָבען געקריטיקט מיט דער נאָז, אָבער פאָרט אײַנגענעמע מענשען. אמת, זיי זענען צו ביסלעך, אָבער אף על פי שחטא, ישראל הוא... דאָך געוועזענע סאָציאַליסטען, לינקע.

אַלע, סײַ די רעכטע, סײַ די לינקע האָבען געהאַלטען, אַז אַלע האַנדלונגען און שריט פון דער רעגירונג זענען ריינע ציפאַלען, אָבגעריסענע עפּיזאָדען; מען האָט געמיינט אַז די רעגירונג שווייגט, ווײַל זי האָט נישט וואָס צוזאָגען; זי פאַרמאָגט נישט קיין שיטה, לויט וועלכער זי שענקט איהר טאַקטיק און פּאָליטיק.

די לעצטע האַנדלונגען פון דער רעגירונג וואַרפען אָבער א שטיקעל שײַן אויף דעם פאַרנעפּעלטען, אין שלײַער אײַנגעהילטען רעגירונגס־פּרצוף. דאָס פּלוצים'דיגע שליסען פון דער סיים־סעסיע און דער פּסק־דין פון דער אַרביטראַזש־קאָמיסיע אין'ם טעקסטיל־קאָנפליקט בעווייזען, אַז די רעגירונג האָט א פּראָגראַם, א שיטה, לויט וועלכער זי וויל ווירקען אויף דאָס פּאָליטישע לעבען אין לאַנד: דאָס קנייפּען די באַק פון סיים. ווירקען מיט די אָדער אַנדערע מיטלען אויף די אויסדערוועהלטע און אונגעוועהלטע בירגער פון לאַנד צו לאָזען זיך קנייפּען אַז ס'זאָל תמיד בלײַבען רויט. די אַרעסטען פון די אוקראַאינישע דעפּוטאַטען, דאָס אויפלעזען די אוקראַאינישע „הראָמאַדאַ" און די אונאַבהענגיגע פּויערים־פּאַרטײַ — זענען ווײַטערדיגע רינגעלעך פון דער קייט, וואָס שאַפט דאָס גאַנצע, דאָס, וואָס עס הייסט — רעגירונגס־פּראָגראַם.

וואָסערע בעציהונג זאָלען נישט האָבען צו דער רעגירונג, איינס מוז מען מודה זײַן: זי איז אין א געוויסער מאָס נײַ און אָריגינעל. אָריגינעל דערמיט, וואָס זי האַלט נישט פון דער רעכטער נישט פון דער לינקער קאָנצעפּציע.

לאָמיר נעמען, דאָס מינדערהייטס־פּראָבלעם. די רעכטע מיינען, אַז פּוילען איז א נאַציאָנאַלע מלוכה. אַלץ דאַרף דעריבער טראָגען אויסשליסליך פּוילישען כאַראַקטער. די מינדערהייטען דאַרפען בעטראַכט ווערען אַלס פרעמדע, אין בעסטען פאַל אַלס בירגער פון צווייטער מדרגה; מ'דאַרף דעריבער מאַכען אַלע בעמיהונגען צו פאַרפּוילישען דאָס גאַנצע לאַנד, פאַרשטעהט זיך אויפ'ן חשבון פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען; די לינקע דאַגעגען, זענען אין דער מיינונג, אַז אַלע בירגער פון דער רעפּובליק דאַרפען געניסען פון גלײַכע רעכט. די רעגירונג שטעהט נישט אויף קיין איינעם פון די שטאַנדפּונקטען, די רעגירונג האַלט, אַז אַלץ אין לאַנד דאַרף טראָגען א פּוילישען כאַראַקטער. אומעטום דאַרף אַרײַנגעטראָגען ווערען דער פּוילישער גײַסט, אָבער דאָס קאָן נישט געשעהן אויפ'ן וועג פון אונטערדריקונג, נאָר דורך א לאַנגזאַמער השפּעה, דורך א בעאײַנפלוסונג פון דער פּוילישער קולטור. די מינדערהייטען קאָנען געניסען פון אַלע רעכט אויף וויפיל זיי ריהרען נישט אָן דעם נאַציאָנאַלען סערז פון דער מלוכה. דאָס איז דער „נײַער וועג".

אַלע קאָנפליקטען, האַלט די רעגירונג, וועלכע ענטשטעהען אין לאַנד, ווערען אַזוי פאַרשאַרפט צוליב דעם, ווײַל די קאָנפליקטען בעקומען א פּאָליטישע בעפאַרבונג, ווײַל די פּאָליטישע פּאַרטײַען פאַרשאַרפען די געגענזאַצען, וועלענדיג שלאָגען פּאַרטײַ קאַפּיטאַל.

און דער אויספיהר? — מ'דאַרף פאַרקלענערן די השפּעה פון די פּאָליטישע פּאַרטייען ביז א מינימום. אַנשטאָט פּאַרטייען דאַרף די געזעלשאַפט זיך אָרגאַניזירען אין ריין־ווירטשאַפטליכע אינסטיטוציעס. די דאָזיגע אינסטיטוציעס דאַרפען זאָרגען פאַר'ן עקאָנאָמישען וואוהל פון די מיטגלידער. און וועלכען ס'איז פּאָליטישען צווייג. ברעכט אויס א קאָנפליקט אין לאַנד, אויפ'ן עקאָנאָמישען באָדען, ווײַל קיין אַנדערע קאָנען בכלל נישט זײַן, — דאַרף ער רעגולירט ווערען דורך א דריטען צד — דאָס איז די מלוכה. וועלכע מוז שטעהן איבער אַלע ריכטונגען און זאָרגען פאַר דער טובה פון אַלע בירגער.

די רעגירונג איז געגען דיקטאַטור אָבער זי האַלט, אַז דער סיים דאַרף נישט זײַן קיין טריבונע פאַר פּאַרטײַ־קאַמפען און פּאַרטײַ־מאַכינאַציעס. דער סיים, אין וועלכען ס'זענען פאַרטרעטען אַלע ריכטונגען און קלאַסען פון לאַנד האָט די אויפגאַבע צו זוכען די וועגען, וואָס זאָלען פיהרען צו דער געזונדמאַכונג און עקאָנאָמישער אויפלעבונג פון לאַנד. אָבער די געזעלשאַפט איז דערצויגען אין גײַסט פון פּאַרטייען און זי קוקט אויף אַלע ערשײַנונגען דורך די ברילען פון זייערע פּאַרטײַ־פיהרער. מ'מוז דעריבער די געזעלשאַפט ערציהען, כדי צום נײַעם סיים זאָלען זיי קלײַבען גוטע עקאָנאָמיסטען, ערליכע און איבערגעגעבענע בירגער און נישט קיין פּאָליטיקער.

די ערציהונג איז געגאַנגען אויף צוויי וועגען: פון איין זײַט האָט די רעגירונג געוויזען ווי זי טרײַבט חוזק פון אַלע פּאַרטייען, וואָס זענען פאַרטרעטען אין סיים; אין דער זעלבינער צײַט האָט די רעגירונג בהדרגה גענומען דורכפיהרען איהר פּראָגראַם אין לעבען. דאָס איז דער זין פון אויסגלײַכען דעם סכסוך אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, ווען ביידע צדדים זענען נישט צופרידען, און דאָס האָט זיך געלאָזט פאַראויסזעהן, איז א סימן, אַז דאָס איז געווען דער איינציגער אויסוועג; ווען דער סיים האָט געזוכט אַנשטאָט זאָרגען פאַר'ן לאַנד, טרײַבען פּאָליטיק און געוואָלט ענדערן די וואַהל־אָרדינאַציע נישט לטובת דעם לאַנד, נאָר לטובת די איינציגע מאַנדאַטען, האָט די רעגירונג די לייט פון די וויעיסקא־גאַס א היים געשיקט — געשלאָסען די סיים־סעסיע.

אַט די לעצטע שריט בעווייזען, אַז די מאַי־רעגירונג נעהט קאָנסעקווענט אויף א בעשטימטען אָנגעצייכענטען וועג. צי זי וועט דערגרייכען איהר ציל, איז אַן אַנדער פראַגע. ס'איז אָבער קלאָר, זי ווייסט וואוהין זי וויל געהן... זי געהט נישט רעכטס, נישט לינקס און איז דאָך נישט קיין ספינקס.

בן משה.

די פּאָליטישע וואָך.

די לאַגע אין כינא. — שאַנכאַי און נאַנקינג. — די נצחונות פון דער קאַנטאָן־אַרמעע. — די ענטשיידונג קומט ערשט. — די אײראָפּעער גרייטען זיך. — די קאָנצענטראַציע פון מיליטער. — די סיטואַציע ווערט געפעהרליך.

פון י. אַלמוני.

די ביז איצטיגע געשעהענישען אין כינא זענען געווען, זעהט אויס, נישט מעהר ווי א פּראָלאָג, אַזוי צו זאָגען, די „הכנות" צום ענטשיידענדען קאַמף, וואָס דאַרף ענטשיידען די צוקונפט פון גאַנץ כינא און די הויפּט־פראַגע וועגען די פּריווילעגיעס און „קאָנצעסיעס" פון די פרעמדע מלוכות. די ענטשיידונג קומט ערשט און וועט וואַהרשײַנליך נאָך לאַנג לאָזען וואַרטען אויף זיך.

שאַנכאַי איז געפאַלען. דאָס איז געווען א גרויסער נצחון פאַר דער רעוואָלוציאָנערער קאַנטאָנער אַרמעע. אָבער באַלד נאָכדעם האָט זי אײַנגעהאַלטען א צווייטען גרויסען זיג, וועלכער האָט שטאַרק געהויבען איהר פּרעסטיזש — זי האָט אײַנגענומען נאַנקינג, נישט קוקענדיג אויף די „אינטערווענץ" פון די ענגליש־אַמעריקאַנישע מיליטער־קרעפטען, וועלכע האָבען באָמבאַרדירט די שטאָט. די דאָזיגע באָמבאַרדירונג, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם פאַרגאַנגענעם דאָנערשטאָג, האָט, לויט ווי די ענגלישע פּרעסע מעלדעט, געפאָדערט אַנ'ערך צוויי טויזענד קרבנות, האָט אַרויסגערופען א אויסערגעוועהנליך געריצטע שטימונג אין כינא, דערהויפּט בײַ דער בעפעלקערונג פון יענע געביטען, וועלכע זענען פאַרנומען פון דער קאַנטאָן־אַרמעע. די מאַסען פון כינעזישען פאָלק זענען איצט ווי פאַר'שכור'ט פון בעפרײַאונגס־קאַמף. דער אומגעריכטער, איבעראַשענדער און בליץ־שנעלער נצחון־מאַרש פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמעע האָט שטאַרק געהויבען זייער זעלבסטבעוואוסטזײַן און געשטאַרקט זייער בטחון אויף א גיכער בעפרײַאונג פון פרעמדען יאָך. די דאָזיגע שטימונג פאַרשטעהט די קאַנטאָן־רעגירונג זעהר גוט אויסצונוצען פאַר איהרע צילען, בפרט אַז הינטער איהרע פּלייצעס שטעהען אַזעלכע געניטע „רעוואָלוציאָנערן" און „רירונגס־מענער" ווי די רוסישע באָלשעוויקעס.

מ'דאַרף נישט פאַרגעסען, אַז די רעוואָלוציאָנערע קאַנטאָן־רעגירונג בעהערשט שוין היינט, נאָך די לעצטע גרויסע נצחונות, א געביט, וואָס איז אַזוי גרויס ווי א האַלב־אײראָפּא און האָט א בעפעלקערונג פון איבער 200 מיליאָן מענשען. דאָס דאָזיגע ריזיגע געביט נעמט אַרום די אַמאָהלדיגע אינדוסטריאַליזירטע געגענדען, און אַט דער אומשטאַנד פאַרענדערט אַנגאַנצען דעם כאַראַקטער פון דעם איצטיגען קאַמף. ער פאַרוואַנדעלט זיך וואָס אַמאָל מעהר אין א סאָציאַלען קאַמף, וועלכער איז דער עיקר געווענדעט, פאַרשטעהט זיך, געגען די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטען. די דאָזיגע ענטוויקלונג שפּיגעלט זיך אויך אָב אין דעם איצטיגען צוזאַמענשטעל פון דער קואָמינטאַנג־פּאַרטײַ, וועלכע איז די נשמה פון דער גאַנצער בעוועגונג. דער קואָמינטאַנג, ווי מ'ווייסט, האָט געשאַפען די קאַנטאָן־רעגירונג, און די קאַנטאָן־אַרמעע איז זײַן מיליטערישער אינסטרומענט. ביז אַהער האָבען אין דער פּאַרטײַ דאָמינירט די קלײַנבירגערליכע עלעמענטען דערהויפּט די סטודענטשאַפט, איצט אָבער, צוליב דעם וואָס מיט קאַנטאָן האָבען זיך פאַראייניגט ריזיגע אינדוסטריע־געביטען, האָט דער קואָמינטאַנג זיך א רוק געטאָן שטאַרק אויף לינקס און די סאָציאַליסטישע עלעמענטען בעקומען דאָ וואָס אַמאָל מעהר די איבערהאַנט.

דאָס איז אָבער נאַטירליך קיין אַנגענעהמע זאַך פאַר די פרעמדע מלוכות. מיט א לינקען „באָלשעוויזירטען" כינא וועט זײַן זעהר שווער אַרויסצוקומען.

די סיטואַציע פאַרשאַרפט זיך נאָך דערדורך, וואָס די אײראָפּעאישע מלוכות קאָנצענטרירען אַצינד נאָך אויפסנײַ גרויסע מיליטערישע קרעפטען אין כינא. ענגלאַנד ברענגט אַהין אָן אויפהער פרישע מיליטער־אָפּטיילונגען קיין שאַנכאַי, דאָס זעלבע טוט אויך אַמעריקאַ, וואָס האָט זיך ביז אַהער געהאַלטען פּאַסיוו. און אפילו אַזעלכע קליינע מלוכות, ווי שפּאַניען און האָלאַנד פאַרשטאַרקען זיך דאָרט מיליטעריש. דאָס איז אָבער נאָך ווייניג: פאַר שאַנכאַי שטעהט אַצינד אַן אינטערנאַציאָנאַלער פלאָט פון 50 גרויסע שלאַכט־שיפען. דערבײַ גרייט זיך נאָך יאַפּאַן אין די נאָהנטסטע טעג צו פאַרשטאַרקען דעם דאָזיגען פלאָט דורך 21 קרייסערס און 26 „צושטערער" און אונטערוואַסער־שיפען; אַמעריקאַ שיקט אויך אַרויס 11 געפּאַנצערטע קרייסערס און 23 קלענערע שיפען, אַזוי אַז אין די כינעזישע וואַסערן, בײַ דער פראָנט־ליניע, וועלכע נעמט אַרום דאָס גאַנצע קאַמפס־געביט צווישען נאַנקין און פּעקין וועט באַלד קאָנצענטרירט זײַן א פלאָט־מאַכט, ווי מ'האָט נאָך ביז אַהער אין ערגיץ נישט געזעהן אפילו בעת די גרעסטע ים־שלאַכטען, וואָס זענען בעקאַנט אין דער קריגס־געשיכטע.

די דאָזיגע קאָנצענטראַציע פון מיליטער און קריגס־שיפען רייצט אָבער געוואַלטיג די נאַציאָנאַלע עמפּפינדליכקייט פון כינעזער און פאַרגרעסערט נאָך מעהר זייער פאַרביטערונג געגען די פרעמדע. דערבײַ איז כדאי צו בעמערקען, אַז די קאַנטאָן־אַרמעע איז אויך א מאַכט, וואָס מ'קאָן נישט אַוועקמאַכען מיט דער האַנד; זי בעשטעהט איצט פון א מיליאָן סאָלדאַטען און פאַרגרעסערט וואָס אַמאָל אַלץ מעהר איהרע רייהען. דאָ שטעהען אַלזאָ געוואַלדיגע חילות איינע אַנטקעגען די אַנדערע; די אַטמאָספערע איז עלעקטריזירט, די נערווען געשפּאַנט, און אויב די „שפּאַנונג" זאָל נאָך ווייטער געדויערן, מוז קומען צו א צוזאַמענשטויס, וואָס זײַנע קאָנסעקווענצען לאָזען זיך גאָרנישט פאָראויסזעהן און בערעכענען. ס'איז אָבער נאָך קיין ספק נישט, אַז קודם כל וועט דאָס זײַן א קאַטאַסטראָפע פאַר די בעטייליגטע אײראָפּעאישע מלוכות.

ס'ווענדעט זיך אַלזאָ אין דער ווייטערדיגער האַלטונג פון די דאָזיגע מלוכות: צי וועט דאָס „כינעזישע פּראָבלעם" ערלעדיגט ווערען אויף א פרידליכען אופן, דורך א געגענזײַטיגער פאַרשטענדיגונג, אָדער דאָס נײַע, אויפגעוואַכטע כינא וועט מוזען פאַרטיידיגען מיט געווער אין דער האַנד זײַן פרײַהייט און זעלבסטשטענדיגקייט געגען אײראָפּעאיש־אַמעריקאַנישען אימפּעריאַליזם, וואָס האָפט נאָך אַלץ צו קאָנען בעהערשען די „אונציוויליזירטע כינעזער" מיט'ן כח פון האַרמאַטען און געפּאַנצערטע שיפען. וואָס א טאָג ווייטער אַלץ נעהנטער קומט צו דער מאָמענט פון דער ענטשיידונג. מ'קאָן נאַטירליך נישט וויסען, וואָס פאַר א ווענדונג דער „כינעזיש־אײראָפּעאישער קאָנפליקט" וועט אַנגעמען. מ'דאַרף אָבער רעכענען, אַז די אײראָפּעאישע מלוכות וועלען סוף כל סוף איינזעהען, אַז מיט „מיליטערישע מיטלען" וועלען זיי דאָ גאָרנישט אויספיהרען; זיי קאָנען נאָר אַרויסרופען א בלוטיגען קאַמף, פון וועלכען זיי אַליין וועלען אַמעהרסטען לײַדען.

ס'איז נישטאָ אַזאַ כח, וועלכער זאָל קאָנען בעזיגען דעם פרײַהייטס־דראַנג און דעם לעבענסווילען פון א פאָלק, וואָס קעמפפט פאַר זײַן רעכט און אונאָבהענגיגקייט. און דאָ האָט מען צו טאָן מיט א פאָלק פון הונדערטער מיליאָנען מענשען, וועלכע וואַכען אויף פון א לאַנגען שלאַף און פיהלען אין זיך א יונגע קראַפט.

פריהלינג, זײַ בעגריסט!

(פאַר־פּסח־פעליעטאָן) ❀ ❀ ❀ פון י. אָבערזשאַנעם.

פריהלינג זײַ בעגריסט!

ווי שעהן, ווי זיס איז דער פריהלינג, ווי דערקוויקענד ווירקט ער אויף דעם מענשליכען גייסט. א נײַע לעבען גיסט זיך אויס, מ'וואַרפט פון זיך אַראָב דעם שווערען ווינטער־פּעלץ, די גאָלדענע שטראַהלען פון דער שמייכלענדיגער פריהלינגס־זון וואַרעמען, ווי א באַלזאַם, אויף די דערפרוירענע, פערגלייווערטע, אײַז־קאַלטע נשמות, די גאָלדענע אַראָפּגלײַטענע צווײַגלעך לאָזען פון זיך אַרויס פרישע קנאָספּען, א מחיה — פריהלינג!

פריהלינג, פריהלינג, לעבען זאָל דער פריהלינג.

„משנכנס פריהלינג מרבים בשמחה", אַז ס'קומט אָן דער ליבער פריהלינג, ווער איך נאָר אַנ'אַנדערער מענש, ס'קומט אָן א נײַע צײַט, א צײַט פון בליהונג, פון אויפלעבונג.

איהר מיינט, אפשר, אַז איך האָב אין מיר א פּאָעטישע נשמה, אָדער אַנדערע שלימזל'דיגע געדאַנקען?... אַז איך גאַר אַזוי שטאַרק נאָך א בלימעל, אַז איך ווער אַזוי שטאַרק נתפּעל פאַר א גרינע לאָנקע, אַז איך ווער פאַר'כשוף'ט פון א טײַכעל, אַז מיך ציהט צו פייגעל־מוזיק? חלילה! דאָס איז, פאַרשטעהט איהר מיך, אַנ'עסק פאַר ווייבער, זיי, די ווייבער, חלום'ען פון: וועלדער, ראָזשעס, בלומען, פאַר זיי איז דאָס אַנ'עסק, אָבער פאַר מיר, פאַר אַזאַ ס'נאַל מאַנס־פערשוין, ווי איך, וואָס קוק שוין „פּאַסימיש" אויפ'ן לעבען און האָב שוין מעהר נישט קיין „פייגעל" און קאָם, פאַר מיר האָט דער פריהלינג זײַנע בעזונדערע מעלות.

פריהלינג איז די צײַט פון בליהען, ס'צעבליהען זיך די בוימער, די פעלדער, און ס'צעבליהט זיך אויך די פּאָליטיק! אונזערע דיפּלאָמאַטען און פּאָליטיקער, פּונקט ווי די בוימער, צעבלאָשען און צעבלאָשען זיך.

דעם ערשטען פריהלינגס־גרוס האָבען מיר פון די צעפּ־דיפּלאָמאַטען, דאָרט, אין דער כינעזישער שטאָט שאַנכאַי, איז דער פריהלינג אין זײַן פולען פּראַכט און גלאַנץ, עס „זינגען" דאָרט די האַרמאַטען, עס „רעגענט" מיט פּאַטראָנען און קוילען, די לופט ווערט „וואַרים" פון די ברענענדיגע הײַזער און פּאַלאַצען מ'שעכט זיך אויף גלאַט כשר, מ'רײַסט זיך פאַר די צעפּ, די נאָגל־צעפּיגע פּאָליטיקער האָבען דעם פריהלינג דערשמעקט, די „גרולים" האָבען דאָרט „פאַרזוימט", דער ענגלענדער „אַשרט", און אַט האַלט עס שוין בײַם — „שנוס"..

פריהלינג.

אויפ'ן באַלקאַן האָבען זיך ערשט בעוויזען די ערשטע פריהלינגס־שוואַלבען דאָרט הויבט אויך שוין אָן צו „שמעקען" — מיט פּולווער, מ'גרייט זיך דאָרט דעם פריהלינג מקבל פּנים צו זײַן מיט'ן גאַנצען „פּרען", די „פריהלינגס־מוזיק" האָט שוין אַנגעהויבען פּראָבירען ספּעציעלע „פריהלינגס־נאָטען" אַלבאַניען שיקט איהרע „ליבעס־בריוולעך" צו יוגאָ־סלאַוויען, איטאַליען הויבט אָן צו וואַרפען „זאָ זדראַסטע", די גריכ איז פאַרגעפיינט, דאָס באַלקאַן־קעסעלע שטעהט גרייט, די פריהלינגס־זון וואַרימט צו, נאָר א ביסעלע פייער און דאָס „מאַכל" איז פאַרטיג...

דער פריהלינג דערנעהנטערט זיך, פון כינע קיין אַלבאַניען, פון אַלבאַניען קיין יוגאָ־סלאַוויען, פון יוגאָ־סלאַוויען קיין רוים, און ווער ווייסט, וואוהין די „פייערדיגע" פריהלינגס־שטראַהלען וועלען ווייטער אַרײַנדרינגען...

פריהלינג.

און נישט נאָר מחוץ לארץ הערען מיר די „פריהליכע" פריהלינגס־גרוסען, בײַ אונז אין לאַנד שפּירט מען אויך שוין גאָר שטאַרק דעם פריהלינג.

א גאַנצען ווינטער האָבען, נעבעכער, אונזערע דעפּוטאַטען געטאָן ציגען און ציגלען בחומר ובלבנים, געשוויצט אין די קאָמיסיעס, אויסגעאַרבייט פּראָיעקטען, אונטערגעהאַנדעלט, הנהה'פּעסער קיין אויסלאַנד, געוועלעס צום שטײַער־אוסטאַוו, געקעמפט געגען ווי די לײַבען געגען „מאַראַלישע" אַפּעטיטען צו ענדערן די וואַהל־אָרדינאַציע, ביז... ביז... ביז... ס'איז אָנגעקומען פריהלינג — און טאַטש! פאַהרט אײַך אַהיים קינדערלעך; פריהלינג איז נישט קיין צײַט פון „שוואַרצער אַרבייט"; גענוג א גאַנצען ווינטער פער'חושכ'ט געוואָרען, די זון שײַנט אַזוי שעהן, ס'איז אַזוי גוט צו זײַן אויף דער פרײַער נאַטור, פאַהרט מיר קינדער לחיים ולשלום, מ'עטער שוין מאַכען אַהין אײַך, אַז מ'וועט אײַך דאַרפען, וועט מען אײַערע אַדרעסען!... די פּאָר גראָשען וועט מען אײַך צושיקען צו הײַם און צו הויז.

פריהלינג.

אפילו אין אונזער היימיש וועלטעל איז הײַ־יאָהר געווען א פריהצײַטיגער פריהלינג, אונזער קהלה־שטיבעל, דאָס „קליינע באַלקאַנדעל" איז אויך א גאַנצען קעלעברוג יאָהר געווען אײַנגעפרוירען, מ'האָט געפּלאַצט א קאַלטער ווינט אויפ'ן פריהנייטס־פּלאַץ נומער 6 מ'האָט געוואַרט אויף עפּעס א „פּעטען העלם" צו עקספּערימענטירן אויפ'ן מאַרשינער וועג... איז געקומען פריהלינג, האָט אונזער קהלה ערוואַכט, ס'איז געוואָרען א „זמיאַנע פּאָוועטשע", צווישען די גערער מיט די אַלעקסאַנדרער האָט גענומען בלאָזען א פריהלינגס־ווינטעל, עס „שמעקען" די רעדעס, ס'צעבליהט זיך דאָס קאַץ־ און מויז־שפּיל, גאַנצע געלט הערט זיך אין אונזער קהלה די הערליכע „פריהלינגס־מעלאָדיעס".

אַלע, אַלע פרעהען זיך מיט דעם ליבלינגען, שעהנעם, שמעקעדיגען, פרעהליכען פריהלינג, באַלד וועלען פרויען מיט פרישע נאַרציזען זייערע ברוסטען בעצירען. באַלד וועלען לעבענסלוסטיגע פרויען אונטער די גרינע טאַנען־בוימער זוכען א „הײַלונג", רעקונג צו זייערע בענקענדיגע נשמות... נאָר וואָס ווייסט? ווער ווייסט וואָס „בושעט" אונזערע דיפּלאָמאַטען און האַרמאַטען־פליש־לייוויאַנטען גרייטען פאָר!...

נאָר לאָמיר נישט אַרײַנבלאָזען און פאַרצווײַפלונג, ס'איז דאָך פריהלינג — „משנכנס פריהלינג מרבים בשמחה"!...

Piękność

jest skarbem każdej kobiety. Umiejętnie pielęgnując swoją urodę, zachowasz na długo młodzieńczy wygląd.

Elida Savon Ideal czyni cerę zdrową, delikatną i świeżą.

Będziesz piękną używając

ELIDA
SAVON IDEAL

Grand-Kino

הײַנט און ווײַטערע טעג
דער גרעסטער וועלט־שלאַגער

„זינד און שטראָף"

לויט דער לעגענדע
„סדום און עמורה"

א 2־שעה'דיגער פּראָגראַם אין 2 סעריעס 14 אַקטען צוזאַמען. אין די הויפּטראָלען די ליבלינגען פון פּובליקום די גרעסטע וועלט־אַרטיסטין **Lucy Doraine** און **Michał Varkonyi** דער קראָן־קעניג

פון אַלע נידריגע מענשליכע לײַדענשאַפטען איז די ... די זינד — און פאַר יעדען פאַרברעכען מוז קומען די שטראָף. דאָס איז אין די סינטעז פון א נײַער לימערארישער בעאַרבייטונג אונטער דער רעזשי פון מ. קערטעס. אַנהויב 5 נאַכם., שבת און זונטאָג 2 נאַכם., לעצטער סעאַנס — 10 אָוונט.

בריף פון כינעזישע קריגס-פראָנט.

דאס אלטע און דאס „נייע" כינא

וואס פאר א ווירקונג האט די מלחמה געהאט אויפ'ן ריזיגן כינא מיט זיין פיר הונדערט מיליאנען בעפעל-קערונג? – ווער איז דער „סואמינגטאן"? – מיין רייזע איבער קאנטאן, האנקאנג און אנד. כינעזישע צענטרען.

פון אונזער ספעציעלן קארעספאנדענט
י. וואהלינער.

I.

ווי קען זיך פארשטעלן, וואס פאר אן'איינדרוק עס האבען אויף אייך אייראפעער די ידיעות וועגען בירגער-קריג אין כינא, וועלכער גייט אן וואס אמאל מעהר דעם כאראקטער פון אן'אויסראָט-טונגס-קאמף צווישן די „פראָנטען". ביי אונז, דא אין כינא, איז מען שוין צוגע-וואוינט דערצו און מ'רעגט זיך נים אויף אזוי שטארק. דאס רוב זשגען מיר, די איינוואוינער פון די ווייטע פראווינצען, וועניגער אינפארמירט וועגען די „איגער-ליכע געשעהעניששען", ווי די אייראפעער אדער אמעריקאנער. כינא איז אזא גע-וואלטיגע, ריזיגע מדינה, די דיסטאנצען צווישען די איינצעלנע פראווינצען זע-נען אזוי גרויס און די קאמוניקאציע איז אזא שווערע און אומבעקוועמע, אז די איינוואוינער פון איין געביט וויסען דאס רוב נים, וואס עס קומט פאר אין דער צווייטער, שכנ'ישער פראווינץ. עס קען זיך דארט אפשפילען א בלוטיגער בירגער-קריג און אין דער נאהענטסטער געגענד זאל מען נאר קיין אהנונג נישט האבען דערפון. די לאנד-בעפעלקערונג, די פויערן אין די צפון-פראווינצען, ווייסען איבערהויפט נישט, וואס עס טוט זיך אין לאנד, בפרט נאר אין די ווייטע דרום-געביטען ארום קאנטאן, האנקאו און דער געגענד ארום שאנגכאי.

אין כינא, ווי מ'ווייסט הערשט היינט א שרעקליכער תהו-ובוהו, און ס'איז גים לייכט צו אריענטירען זיך אין די פאליטישע פערהעלטנישען אפילו א אר-טיגען איינוואוינער, היינט כמעט שוין א אייראפעער. כינא האט נישט קיין געזעצליכע נאציאנאלע רעגירונג, קיין איינהייטליכע לאנד-אדמיניסטראציע. דאס „רעוואלוציאנערע" קאנטאן איז א רעגירונג פאר זיך, האט א אייגענע ארמעע, אייגענע מיניסטארען, וועלכע אונ-טערהאנדלען מיט'ן „שונא" און פרעטענ-דירט צו זיין די אמת'ע נאציאנאלע רע-גירונג מיט קאנטאן „רעוואליזירט" בע-קונג. ס'איז אויך פארהאן א בעזונדע-רע פעקינגער רעגירונג, וועלכע מענה'ט, אז זי איז די רעכטיגע, לעגיטימע רעגי-רונג פון לאנד. די פאקטישע „הערשער" אין כינא זענען אבער פערשידענע גענע-ראלען און מארשאלען, מענשען מיט גרויסע אמביציעס, מיט געוואלטיגע אפעטיטען, בעהערשט פון א אומגעהויע-רען מאכט-בעגיהר, דאס רוב לאפאר-ניקעס, פערקויפטע נשמות, אגואלפאבע-טען, גרויזאמע רעכפאטען — אט זיי פיהרען עס דעם בירגער-קריג צווישען זיך.

די לאנד-בעפעלקערונג איז אינדיפע-

בעטהאווען

צו זיין 100-טען
— יאהרצייט —

— פון —
יוד-אלף.

פון לאדז ביז צו דער שיף

— פון —
יוליוס אדלער.

מיר הויבן דא אן צו דרוקן א סעריע פעליעטאנען פון דעם בעריהמטען יודישען ארטיסט יוליוס אדלער, וועלכער איז, ווי בעקאנט, געפאהרען אויף גאסטשפילען קיין ארגענטינע. די פעליעטאנען זענען געשריבען אין א ליכטען הומאר-פולען טאן, אין דער פארם פון אונגעצוואונגענע בריוולעך צו אונזער רעדאקטאר ה' ישראל קאהאן. די בריוולעך ציילענען זיך אויס מיט זייער פיינעם וויץ און אויסגעצייכנעטע שילדערונגען און וועלען זיכער נישט פערפעהלען צו פערא‍ינטערעסירען די לעזער.

ד י ר ע ד.

מיין ליבער ישראל קאהאן!

דו ביזט אין לאדז דער איינציגער, וועלכער האט מיך געבעטען צו שרייבען בריוועלאך. איך דאנק דיר, מיין ליבער ישראל, דערפאר. איצט האב איך לאמיש א מענשען, וועלכען איך וועל קאנען דערצעהלען אלע מיינע צרות, וואס איך האב שוין געהאט און וואס איך וועל נאך, מיט גאטס הילף, האבען. און איך בין זיכער, אז מיינע צרות וועלען דיר מיך און הארצען ארייין אזוי, אז אפשר וועט מיר דערפון גרינגער ווערען.

און אט הויב איך אן:

דו הערסט, ברודער? — צוויי זאכען פערפאלגען מיך און לעבען: דער גראם „הערצען-שמערצען" און יודישען טעאטער און ישרען לידעל, און — די ציפער „13". עס האט נאך קיינמאל נים פאסירט, אז איך זאל הערען א לידעל זינגען אין יודישען טעאטער, וואו עס זאל זיך נישט דרייען — זינגען הייסט עס — פון „הערצען-שמערצען", און עס האט נאך קיינמאל נישט געטראפען, אז איך זאל מיך צודריהען צום ציפער „13", אז עס זאל מיט מיר עפעס נישט געשעהן.

טילא, אין יודישען טעאטער קאן איך דעם „הערצען-שמערצען" נישט אויסמיידען — ווייסט דאך! — אבער די ציפער „13" זעה איך שטענדיג אויסצומיידען. אזוי, למשל, ווען איך קויף עפעס און מ'בעט ביי מיר „13" זעה איך, ווי ווייט מעגליך, אבצודרייען עטליכע כּסבּעות — דאס איז נישט צוליב צוליקעט, נאר פרי עס זאל נישט זיין „13"... דעם דרייצעהנטען צאהל איך, אז עס קומט אוים, קיינמאל נישט קיין גראשען; איך זעה, ווי ווייט מעגליך, אויסצומיידען דרייצעהניעהריגע מיידלעך... און נאך אזעלכע זאכען. דאס מאל האט זיך ביי מיר ארייינגעכאפט די ציפער דרייצעהן נישט דורך מיין שולד.

ווי דיר איז בעוואוסט, האב איך געשפילט אין לאדז אלע טאג און איך האב קיין צייט נישט געהאט אליין צו קויפען א שיפסקארטע קיין בוענאס איירעס. איך האב דעריבער געבעטען מיינע א בעקאנטע, אז זי זאל מיר קויפען אין ווארשא א שיפס-קארטע. מיין בעקאנטע האט מיר די טובה געטאן און מיר געקויפט א שיפס-קארטע מיט א נומער, נישט מעהר און נישט ווייניגער, ווי: „1313" (אגב האב איך דערנאך אויסגערעכענט אזהרע יאהרען און לויט מיין רעכנונג איז זי אלט 26 יאהר. דאס מיינט 2 מאל „13". זי, אפילו זאגט, אז זי איז אלט 20, אבער איך ווייס בעסער) און פון דעמאלט אן הויבען זיך אן מיינע אומגליקען.

א סך מאל האט זיך מיר אויסגעוויזען אז די ציפער „13" איז גארנישט אזוי שרעקליך (א סימן האב איך גענומען מאקע פון מיין בעקאנטער). אבער דערנאך האב איך זיך אבערצייגט, אז „13" איז פאר מיר אן אומגליקליכער ציפער. אבער לאמיר דערצעהלען פון אנהויב אן.

ווי דיר איז בעוואוסט, האב איך אין לאדז די לעצטע פארשטעלונג געשפילט דינסטאג און געענדיגט 11.10. איך האב דערנאך געמוזט נאך זאגען דעם סופ-ליקום א פאר ווערטער, זיך געזעגענען און דאנקען — ווי דער מנהג איז — און דערפאר האב איך זיך געמוזט זעהר איילען צום צוג, וועלכע געהט אב פון קאליש ווארזאל 11.34. דער עולם האט מיר, ביים טעאטער, געמאכט א שטיקעל אוואציע, אזוי אז עס איז מיר פערבליבען עטליכע מינוטען צום באהן. איך זעה דער שאפער פון דער טעקסי פאנגט עפעס אונטער ביים פאהרען. איך טרעט צו אים:

— פאהר! וועסט קריגען 5 זלאטים, חוץ דעם, וואס דיין „זייגער" וועט ווייזען!

ער הערט מיך, ווי דעם קאטער, ער פאהרט מיט מיר, אזוי ווי ער וואלט געפיהרט א פיהר מיט שטיינער. איך זאג אים שוין 10 זלאטים, ער הערט מיך, ווי די קאץ! קורץ — מיר זענען שוין נאהענט ביי דער באהן, בלייבט ער שטעהן.

— וואס איז? — פרעג איך.

— אויסגעגאנגען דער בענזין!

די טעקסי קאן ווייטער נישט געהן. האב איך געמוזט אנהויבען לויפען צו פוס. איך, די מאראס פאלטאן און דאס טשעמאדאל, וואס האט מיר געקויפט די שיפסקארטע — צוויי מאל „13"!!! איך בין, פונדערסטוועגען, א בעלן צו געבען א קוק, וואס פאר א נומער דער אויטא האט, און שטעל דיר פאר, אז ער האט געהאט נומער „13"! זיין נומער איז אפילו נישט געווען קיין כשר'ע „13", נאר מ'האט פון אים געקענט מאכען „13". די נומער איז לכתחילה 331, האב איך די 31 איבערגעדרעהט, איז געווא-

...

קאמישע פאסירונגען

אין שטעט און שטעטלעך פון ארץ-ישראל.

(ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט")
— פון —
זלמן זילבערצווייג (תל-אביב).

...

א דעלעגאציע פאהרט זעהען א שניי.

...

ווי אזוי א גנב'טע איז ארייינגעפאלען.

...

מוהל מיט א ריין געוויסען.

...

ראקעטען
א זאמלונג קאלאמבורען
פון א מ י ק (לאדז).

...

דרייסיג דורות יודען אין פוילען

פון דער ערשטער צייט, וואס יודען האבען איינגעוואנדערט ביז צו דער איצטיגער ווידערגעבורט פון דער פוילישער מלוכה.

פון גרשם באדער.

א פוילישער יוד—אן אפיציר אין דער שוועדישער ארמעע.

געווען איז דאס ענדע פון 6173 (תל"ד), אין אויף א פראווינציאלען „סיים" אין סאנדאמיר וואנשיא בעשלאסען געווארען ווי גרויס ס'זאל זיין דער שטייער, וואס דער פשעמישלער קריזיז דארף פארמינט־אגען אין דער קעניגליכער קאסע אויף צו בעצאהלען פוילען'ס קריגס־חובות — און איינצוטאהגען די דאזיגע שטייער אין דער גאנצער שטאט פשעמישל איז בעשטימט געווארען א פריץ מיט'ן נאמען יאן דזשעוויצקי, וועלכער איז געווען בעקאנט מיט זיין שטרענג נעגן יענעם אויפן די מענשען פון דער גאנצער געגענד האבען פאר אוהם געציטערט.

האט זיך דער ראזינער יאן דזשעוויצקי פריהער פאר אלעמען גענומען איינצומאהגען די שטייער ביי יודען. האט ער אויף זיך צוויפנערופען די פארשטעהער פון דער קהלה און האט זיי פארגעלעגט, ווי זאלען אוהם געבען א געוויסע סומע פאר'ן שטייער און דערנאך זאלען זיי איינמאהנען די בעצאהלטע סומע ביי די מיטגלידער פון זייער קהלה. האבען די פארשטעהער פון דער קהלה גע'טענה'ט, אז זיי קענען דאס נישט טון. ערשט נים לאנג פריער האט „אומיצער" איינגעמאהנט ביי זיי א גרויסען שטייער, אויף וועלכער ער האט זיי ארויסגעגעבען „קוויטלעך". האט דער פריץ געשריגען, אז די קוויטלעך, וואס די יודען האבען צו ווייזען אויף דעם בעצאהלטען שטייער ווענען געפעלשט. און ווען דער פריץ האט געזעהן, אז די פארשטעהער פון דער קהלה האבען זיך פער'עקשנ'ט און זיי ווילען נאר נישט צאהלען, האט ער בעשלאסען צו געהן „געמען", וואו עס וועט זיך נאר לאזען.

אזא זאך איז אין פוילען קיינמאל נישט פארגעקומען. געווענליך פלעגען די ראשי־הקהל פון יעדער שטאט אויסרוינען ביי דער רעגירונג די סימע שטייער, וואס יודען דארפען צאהלען. ערשט שפעטער פלעגט די קהלה ארויסשיקען דעם שמש מיט צוויי נבאים, אדער מיט א „רואה־חשבון", איינצומאהנען די בעשטימטע סומע. צו דעם דאזיגען איינמאהנען פלעגט זיך די קהלה קיינמאל נים בענוצען מיט א דרויסענדיגער הילף, ווייל קיינער האט אומיצער נישט גע־וואלט בעצאהלען, וויפיל די קהלה האט ביי אוהם פערלאנגט, האט מען דעם מענש ארעסטירט אין דער קהלה'שער תפיסה, אדער מען האט אוהם ארייגגע־לעגט אין חרם.

דזשעוויצקי האט אבער אויף דעם אלעמען נים געקוקט. אזוי ווי ער האט זיך ליין נים געקענט, האט ער זיך פון דער אנגענומענער פיהרונג נים געלאזט אפשרעקען—און דאס ערשטע יודישע הויז, וואו ער איז ארייננעפאלען, איז געווען ביי א יודען מיט'ן נאמען לייב. דארט האט ער אנגעטראפען אויף א יונגען א כאזאק. וועלכע האט זיך נאר

צוויי יאהר העברעאישע אוניווערסיטעט אין ירושלים.

פון יחיאל ראזענצווייג.

חיינט ווערט צוויי יאהר, זינט יענעם גרויסען טאג, ווען דאס הארץ פון גאנצען יודענטום האט אויפגעוואלט צוזאמען מיט'ן אויפוואכענדען פר.הלינג, און צעשטראהלטער פרייד. אין ירושלים אין דעם איינגענע, אנגזשריגען, הייליגען ירושלים, איז א גרויסער קבוץ גליות פארגעקומען. די בעסטע יודען פון דער גאנצער וועלט, די גרעסטע גייסטער אינ־זערע האבען זיך צוזאמענזאמעלט אויף דעם הר־הצופים, דעם בארג וואס קוקט אויף רעכטס און לינקס אויף צוויי ים'ען: דעם ים־התיכון און דעם ים המלח, אום אנצוזאגען דער וועלט, אז א נייע ליכט געהט אויף פון ציון.

צום ערשטען מאל אין אונזער גע־שיכטע האבען אלע פעלקער פון דער וועלט בעגריסט אויף דעם הר־הצופים דאס יודישע פאלק, אלס גלייכען חבר אין דער משפחה פון פעלקער, צו זיין בעגייסטערונג און אויפלעבונג צום נייעם אויפגאנג פון זיין גייסט.

ווייל אין יענעם טאג איז פארגעקומען א נייער חנוך־הבית ביי יודען. עס איז געעפענט געווארען די אוניווערזיטעט אין ירושלים, וועלכע דארף זיין דער אמת'ער מרכז רוחני פאר דעם יודענטום אין דער גאנצער דיאספארא און א קוואל פון ליכט פאר'ן גאנצען ארץ ישראל.

נאר לאנגע שווערע נסיונות. יאהרען פון מיה און שווייס ביי ארבייט מיט'ן האמער און אקער, איז אויך געקומען די צייט צו ווארען פאר'ן יודישען גייסט מיט ד'ער ערפאלגונג פון דער אוניווערזי־טעט און געקרוינט געווארען די נאציאנאל־ציוניסטיש־חלוציש ארבייט אין ארץ ישראל. דערמיט איז בעוויזען געי־



דער זאל פון העברעאישען אוניווערסיטעט.

זאלען דעם היינטיגען טאג זיך ווי־דער אלע דערמאנען און זייערע פליכטען לגבי זייער פאלק און זייער לאנד!

(ענדע—זעה זייט 9)

די דין־תורה פאר דער פמליה של מעלה

(פון די וואונדערבארע מעשה'לעך וועגען נפטר געווארענעם ראדאשיצער רבי'ן ר' אליעזר דוד זצ"ל).

(ספעציעל פאר'ן „לאדזשער טאגעבלאט")

— פון —

מאיר הערץ.

זלאטע רובינ'ס ברודער ר' אנשעל פערלמאן וועגען „ראדימנער" פראצעס.

פון אונזער וױנער קארעספאנדענט
י. לאנדוי.

אין ווינע, בפרט אין דעם יודישען ווינע האט די מעשה „ראדימנע" ארויסגערופען גרויס קאלעניש. דער פשטמישלער פראצעס איז פסדר געווען די סענסאציע פון טאג. טאג-טעגליך האבען הונדערטער יודען אבגעווארט בײ די צײטונגס-קיאסקען און ווי נאר די יודישע בלעטער פון פוילען זענען אנגעקומען, זענען זײ צוכאפט געווארען ממש, ווי מצה וואכער.

דער ראזינער סקאנדאל-פראצעס האט אויך געפונען א שטארקען אבקלאנג אין דער וױנער דײטשער פרעסע, וועלכע האט טעגליך אבגעדרוקט אויספירליכע אילוסטרירטע פראצעס-בעריכטען, פון וועלכע די אנטיסעמיטישע בלעטער האבען, פערשטעהט זיך, געשלאגען קאפיטאל פאר זיך.

אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס זלאטע רובין האט זיך גע'יחוס'ט און גערופט, אז איהר ברודער אין ווינע איז א רבי און זי האט איהם כלומר'שט געשיקט 300 דאלאר, בין איך געווען א בעל אויפצופינען דעם ראזינען „רבי'ן" אבער פון די נאר לײטע זאלען איז דאס ניט געווען, ווארום וואו קאן מען אין דעם גרויסען ווינע געפינען א מענשען, וועלכער האט ניט קײן סטאלע וואוינונגען, נאר וואלגערט זיך ארום נע-ונד אין שטיבלעך, קלײזלעך א.ד.גל.

לויט חנע שינאווער אלטע חסידים דערצעהלען, איז ר' אנשעל, אזוי הײסט ער, זלאטעס ברודער, פמה יאהרען געווען נבאי בײ זײער רבי'ן און מיט זײן גרויסער עם-הארצות'שקײט, האט ער געשפילט א רעגל אלס תקיף, זענען טאקע די חסידים פון איהם תמיד אויסגעשטאנען צרות-צרורות, ער האט פון אלעמען געריסען געלד אהן רחמנות און נישט אײנמאל האט ער געפאטשט חסידים מעשה תצא. דורך זײן תקיפות און עזות'קײט האט דער „שינאווער" גופא פון זײן נבאי פיל געליטען, אבער דער רבי האט פון איהם ניט געקענט פטור ווערען, מחמת ר' אנשעל האט געסטראשעט, באם מען וועט איהם אבזאגען פון'ם נבאות, וועט ער אבטון א מעשה-רע...

די מלחמה-צײט האט אויך ר' אנשעלען פערווארפען אהער קײן ווינע, וואו ער לעבט פון פרעמדע פושקען — מעשה ופצ און אלס אמאליגער „נבאי", פערמעסטעט ער די „שנאר-שר-מלאכה" אויסגעצײכענט. ער רײסט פון טויטע און פון לעבעדיגע. אויב איהר קומט אויף א חתונה, אויף א ברית, אדער לויה, טרעפט איהר ר' אנשלען מיט אנ'אויסגעשטרעקטער האנד און איהר מוזט איהם געבען, טאמער ניט איהר נישט, מארשעט ער און שעלט... און דערצו איז מען משער, אז ער ניט וואו, צווישען זײנע אלטע מלבושים און שמאטעס, מוזען ליגען פערבארגען קנופלעך מיט געלד.

נאך פיל זלעגישען איז מיר געלונגען דעם ראזינער מארנעם פארשוין צו טרעפען אין א שמאל אונטערערדישעל אינ'ם יודישען קווארטאל.

איהר זעהט פאר אײך א גראב בעבײלעלטען יוד, א בן-שבעים פון מיטעלען וואוקס, א הארפאטשנע פנים, גראבע מנושם'דיגע ליפען מיט קאלטשנעוואטע גרויער בארד און פאות, און א שווארצער אבגעבליאקעוועטער רײבסענער קאפאטע, מיט 2 טיפע, איבערפילטע טאשען ווי זעק, פון וואנען ס'שיקען ארויס רויטע פאטשײלעס. די פיס זעטווען פערדרוסטע, זענען בעשײלט מיט א פאר פערפלאטיגטע שטיװעל און אויף דעם אונגארמאלען גרויסען קאפ מיט'ן פערקרײמטען שטערען, זיצט א ברײטער סאמעטענער, פערשאלטער און פערשמירטער קאפעלוש.

דאס ראזינע טיפישע יודעל ר' אנשעל פערלמאן, ווי איהר האט איהם דא געזעהן, איז א „ווארסטע-בחור" און אויב ער איז נישט תמיד פון די גישמרעדעדווערינע, אבער בנוגע דעם „ענין-זלאטע" איז ער א גרויסער שווײגער, אז ס'איז פשוט נישט געווען מעגליך אײן ווארט פון איהם ארויסצוקריגען און צוליב פערשטענדליכע טעמים, האט ער זיך נעקווינקעלט אויף מײנע פראגען צו ענטפערן יא, אדער נײן.

ערשט נאך א לענגערן קאמבינירטען און „דיפלאמאטישען" שמועס, איז מיר געלונגען פון איהם זיך צו דערוויסען אינטערעסאנטע פרטים, וועלכע ווארפען אנב, נאר א ביסעל ליכט, אויף דער פערפלאנטערטער „מעשה-ראדימנע".

— דאלארען — דערצעהלט מיר ר' אנשעל — האט מיר מײן שוועסטער קײנמאל נישט געשיקט. באמנות. ווי יאך האט פון איהר קײן גראשען נישט דערהאלטען און דערצו נאך האט זי מיך פאנר געקרינקט בתכלית השנאה.

— היתכן? אזא רײכע שוועסטער א שונא און פארוואס? — פרעג איך.

— יאך פרעג אויך די זעלבע קשיא, פארוואס? פאר נאר נישט, פאר א בריוועל, נאר פאר מײן גוטע עצה!

און צווישען אנדערן, דערצעהלט מיר ר' אנשעל, אז מיט א פאר יאהר צוריק האט ער פון זײן שוועסטער פון ניו-יארק פאלגענדען בריף דערהאלטען:

„לכבוד אחי היקר החסיד והנבון וכ"ו כש"ת מו"ה ר' אנשעל פערלמאן נ"י!

„ראשית שרײב איך דיר פון מײן לויבען געזונד, כח צו הערען פון דיר עד אמן סלה. והשנית, ליבער ברודער, בין איך דיר מודיע, אז מײן מאן בצלאל רובין איז נאך א לאנגער קראנקהײט ר"ל פון מיר אבגעשטארבען און איך בין געבער געבליבען אלײן און ווען אפילו א פערטעלינע, אבער דאך א וויסטע אלמנה. נאר, ווי זאגט מען דאס „א שטײן זאל בלײבען אלײן" און דו, מײן אנשעל, ווײסט דאך זעהר גוט, אז איך קען נישט בלײבען אלײן, איך וואלט נאר וועלען האבען א גוטען מאן און ווי ס'איז דיר גוט בעקאנט, האט מײן הארץ תמיד געצלוסט צו האבען א חסידישען מאן — א רב, אדער רבי...

„און היות ווי עס שרלג'ען זיך אצינד צו מיר אײניגע אנגעזעהענע רבנים, פרעג איך דיך, ליבער און קלוגער ברודער, וואס זאל איך טון? חתונה מוז מען סײ ווי סײ האבען, אזוי שרײב מיר ברודער דײן קלוגע עצה.

לסוף בעטערס איך דיר, היות ווי איך קאן נישט שרײבען, ערלעדיגט מיר אלע מײנע בריף, כבוד קדושתו דער ראדימנער רבי שליט"א און דעם ראזינען בריף צו דיר, שרײבט אויך ער מיט זײן אײגענער הײליגער האנד.

„איך גרוס דיך פרײנדליך און געדענק למעה"ש מיר תיכף צו שרײבען תשובה.

„פון מיר דײן געטרײע שוועסטער זלאטע רובין".

— אויף דעם ראזינען בריף פון מײן שוועסטער — זאגט ר' אנשעל — האב יאך צו איהר אבגעשריבען א בקצור-בריוועל בזה-הלשון:

„טײערע שוועסטער מ' זלאטע תחי'!

„דײן בריף האב יאך ריכטיג ערהאלטען, די שלעכטע בשורה פון דײן מאנ'ס טויט האט מיך טיף געריהרט און פערזעצט אין גרויס צער און טרויער, נאר צופיל טאר מען נישט מהרהר זײן, מסתמא איז עס פון אױבערשטען אזוי בעשערטע געווען און ברוך דין אמת!

בנוגע חתונה האבען, איז מײן מײנונג אז א יודענע און דײנע יאהרען, מעג שוין זיצען אהן א מאן און וואס די שרײבסט, אז עס שרלג'ען זיך צו דיר רבנים, איז מײן עצה אזוי: באם די וואלסט דיך דווקא פער'קנס'ן צו א מאן, זאלסטו דיך אבטשעפען פון „גוטע יידען", זאלסטו בעסער דיר אויסזוכען אנ'ערליכען סוחר און נישט קײן רבי'ן, ווארום רבנים מײנען נישט, נארשלעכע דיך נאר — דײן געלד און למעה"ש, זאלסטו דיך היטען פון רבנים, אנטלויפען זאלסט דו פון זײ, ווי פון א ברײז פײער...

ממני אחיך המצפה טובתך אנשעל פערלמאן".

— זײט דעמאלט — דערצעהלט ר' אנשעל ווײטער, ארויסנעמענדיג דאס טאבאק-פישקעלע פון טאש — איז זי מיר געווארען א דם שונא און האט צו מיר מעהר נישט געשריבען.

נאר ערשט אין א פאר וואכען ארום, האט צו מיר דער „ראדימנער" בכבודו ובעצמו געשריבען און מיר פארגעווארפען אלע חטאים און הלמאי, יאך האב איז מײן בריף מבזה געווען רבנים און תלמידי חכמים און נישט געהעריג נוהג כבוד געווען לגבי מײן שוועסטער זלאטען מיט וועלכער איך דארף מיך מתיחס זײן. אז מען שרײבט א בריף צו אזא אשה-חשובה — מוסר'ט מיך דער „ראדומנער" — דארף מען פון אנהויב שרײבען: לכבוד הנגידה והצנועה המפורסמת וכ"ו וכ"ו...

זײט דער צײט איז שא-שטיל, יאך האב פון איהר מעהר נישט געהערט און נישט געזעהן. נאר מיט א צײט שפעטער, האט מיר א פערשבורגער יוד, וועלכער איז געקומען פון ניו-יארק, דערצעהלט אויפ'ן אויער באשר, דעם „ראדימנער" געהט עס דארט נישט-קשה'דיג. ער וואוינט בײ זלאטע'ן און געניסט פון איהר פון כל-טוב, אפילו פון אײנגעמאכטס און פויגעל-מילך, וועל-בילם פאהרט ער מיט איהר אין אײן קאטש...

— צי קענט איהר ר' אנשעל, פערזענליך, דעם ראדימנער רבי'ן? — פרעג איך.

— יאך קען איהם נאר פון דער צײט, בעת ער איז געווען גלאגאווער רב, און פלעגט בשעתו אפט קומען צו מיר, ד.ה. צום „אלטען שנאווער ז"ל. נאר לאמיך בעסער נישט רעדען...

— צי איז עס טאקע אמת, אז אײער שוועסטער איז שוין אלט 63 יאהר?

— נײן, בשום אופן נישט, ווארום צווישען מיר און איהר זענען נאר געווען 5 קינדער און זי איז די יונגסטע געווען.

— מיט דער צײטונגס-ידיעה, אז צוריק פאהרענדיג קײן אמעריקא וועט אײער שוועסטער זלאטע אבטרעטען אין ווינע, האט איהר זיך געוויס זעהר געפרעהט?

— געפרעהט? — שמעלט ר' אנשעל אוים א פאר אויגען — יאך חשד דאס ערשטע פון אײך. גאט זאל שומר ומציל זײן. זאל זי פאהרען וואהין זי וויל, אבי נישט דורך ווינע. מיך זאל זי צורוה לאזען, שוין גענוג חרפות האב יאך דורך איהר געליטען כיען טײטעלט אויף מיר מיט די פינגער און גאט, האט אנטשלט עמעס אנ'אבגעגאלטער דײטש מיך אנלאפענדיג פאר'ן ארבעט, א פרעג געטון: „זענט איהר דאס דער ברודער פון דער אמעריקאנער רבי'צין?" און דאס פנים איז מיר רויט געווארען פאר בושה.

— און ווער, האלט איהר, אלס ברודער, איז אײגענטליך געשעלט אין דער טיאוס'ער געשיכטע?

— יאך ווײס נאר, אז חנם פון תמיד אן האט זי געהאט א משוגע'נע לוסטע צו יודען מיט בארטלען און שטרײמלער, איז זי פונדעסטוועגען אויך געווען א גרויסע קליפה און פיסקעוואטע יודענע, און דעריבער זאג יאך, אז בײדע זענען יא געשלעכט און — נישט געשלעכט...

איבריגענס — פערענדיגט ר' אנשעל מיט א ליטערוואטען שמײכעל — האט דולט זיך, דער פסק-דין פון „פשטמישעלער פראצעס" דאס זעלבע בעוויזען.

ANGIELSKA HERBATA
SIBUNION

זאמד און שטײנער אין די נירען

— פון —
ד"ר י. טענענבוים.

א מעדיצינישער ארטיקעל.

עס זענען דא פערשידענע נירען-קראנקהײטען. יעדע מיט איהרע ספעציעלע ערשײנונגען, מיט איהרע ספעציעלע סימפטאמען און מיט שטערונגען וואס רופען זיך אב אויך אויף אנדערע ארגאנען פון'ם קערפער. די נירען זענען ארגאנען, וועלכע צווישען די ווילטיגסטע ארגאנען פון'ם קערפער. זײער בעדײטונג איז זעהר ווילטיג. זײ זענען לעבענסווילטיג. זײ זענען ווילטיג פאר דעם שטאף-וועקסעל. זײ שײדען אויס די גיפטען און די זאלצען, וואס בלײבען איבער פון דעם פראצעס פון פערדײיונג, וואס קומט פאר אין גוף. זײ זענען די קוימען-קעהרערס פון'ם מענשליכען אויוון. זײ רײניגען די בלוטען. זײ טײלען פרײ דעם קערפער פון די אײגענע גיפטען, וואס בילדען זיך בײ דער פערדײאונג. זײ טוען זײער ארבײט רעגעלמעסיג ווי א זײגער — און א שטערונג אין זײער מעכאניזם מײנט א שטערונג פון'ם אלעמען — אנ'אויטאינטאקסיקאציע קײט, וועלכע רופט זיך באלד אב אויף דעם גאנצען לעבענס-פראצעס. א מענש קאן לעבען מיט אײן ניר, אויב דער אנדער איז שטארק געזונט, כדי צו בעווארען די גאנצע ארבײט — אבער אהן בײדע נירען קאן קײנער נישט לעבען. מען נעהמט צו גרונד פאר אײניגער פערזעפונג. עס פאלט וואס נירען-קראנקהײטען מוזען נעמען ערנסטע ווערען; ווי א זײגער טוט מען אלטונג געבען אויף דעם ווערק און אויף די פײנע רעדלעך און ספרונזשענעס, וועלכע רעגולירען דעם גאנג פון דער מעכאניזם.

זאמד איז זאמד, און שטײן איז שטײן אבער „זאמד" אין די נירען איז אנ'אנגענעהמער שכן. פון וואנען שטאמט דער זאמד אין די נירען?

ווי מיר האבען שוין אנגעוויזען, זענען די נירען א „פילטער", וואס לאזט דורך שעדליכע גיפטען און זאלצען, און האלט צוריק די ווילטיגע עלעמענטען ווי צוקער און אנדערע. וועלכע דער קערפער [illegible] זאלצען זענען צעלאזען אין וואסער און אויב מען קוקט אויף דעם נארמאלען אויסשײדונגספראדוקט פון די נירען, זעהט מען א קלארע פליסיגקײט, אהן וועלכע עס איז גראבע טײלען. אנדערש איז עס בײ געוויסע מענשען, וועלכע האבען פערלוירען די פעהיגקײט צו צעלאזען אט די זאלצען. אזעלכע פארשוינען פראדוצירען זאמד. די זאלצען, וואס בעשטעהען פון פערשידענע כעמישע עלעמענטען, קריסטאליזירען אויס פון דעם וואסער און בלײבען און א גוט צעלאזענעם צושטאנד. דער נירען-בעקען און דער בלאז ווערט פערפלײצט מיט די פײנע זאמדעס און קערנדלעך, וועלכע צעקראצען אפט דעם פײנעם געוועב, דורך וועלכע זײ געהען דורך. עס זענען דא פערשידענע גראדען פון דער קראנקהײט. קלײנינקע זאמדלעך ווערען וועניגער בעמערקט ווי גראבערע טײלען. פון דעם ביז צו אנ'אמת'ען שטײן זענען דא אלערלײ שטאפען פון זאמטווילקײט. אבער דער פראצעס איז אנ'ענליכער ווײל קוים בלײבט אזא קערנדעל ערגיץ-וואו שטעקען, אזוי וואקסט ער אין דער לענג און אין דער ברײט און עס ענטשטעהען „שטײנער". די שטײנער וואקסען און קאנען דערגרײכען א גרויס וואס מאנכע זענען אמת'עס צבות. אין די פאלען איז אפט דער אורין קלאר און מען קאן נאר נישט וויסען, וואס פאר א מציאה מען פערמאגט, אבער די גרולה געדווירט נוט אייביג.

נירען-שטײנער רופען הערוס, פרוהער אדער שפעטער, קאמפליקאציעס. עס איז א פרעמדער מתחים, וועלכער מאנצט אויף א פרעמדער חתונה, עס קומען פאר אינפעקציעס. עס בעווײזט זיך אײטער. דער אורין ווערט בריגדיג. מען פיהלט אלס א טעמפע שמערץ אין די „קאשוישעס", לאמיך עס זענען דא קראנקע, וואס לעבען יאהרען-לאנג בשלום מיט'ן שטײן אזוי, אז ער טוט זײ גאט ווערן. אבער אויך דאס איז נוט קײן אוונגעקײט. געוועהנליך הערט אויף די מחוג'שאפט, פרוהער אדער שפעטער. דער שטײן הויבט-אן צו רוהרען זיך פון'ם ארט. ער הויבט אן זיך בעוועגען. דער שכן, און ווי יעדער לאקאטאר, איז ער גאט קײן גרויסער פרײנד פון בעל-הבית. ער עקרעצט די שלײמהויט פון דעם נירען-בעקען און פון די קאנאלען אין רופט ארוים א בלוטונג. עס בעווײזט זיך בלוט אין אורין. באלד הײבען אויך אן די אטאקעס. דער שטײן, אדער דאס שטײנדעל און אפילו דער קלײנינקער זאמדעל געהט דורך דורך ענגע קאנאלען, וועלכע ווערען בעשעדיגט. זײ צוהעען זיך צונויף ארום דעם פרעמדען קערפער און וואס מעהר דער שטײן ווערט געטריבען ארונטער, אלץ שטארקער ווערט די הארטנעקיגקײט, מיט וועלכער די מוסקעלן האלטען פעסט פון די ארגאנען פערטײדיגען זיך אנטקעגען דער אינוואזיע. עס ענטשטעהען יסורים וואס ברענגען דעם קראנקען צו פערצווייפלונג. ווער עס האט אײנמאל דורכגעמאכט אזא אטאקע, וועט דאס קײנמאל נישט פערגעסען. עס איז אײנער פון די שרעקליכסטע אנפאלען צו זעהן אזא קראנקען זיך קאטשען פאר יסורים. א חוץ דעם קאן זיך טרעפען, אז דער שטײן זאל פערהאלטען דאס וואסער אין גור. דער נירען-בעקען ווערט צעצויגען און אנגעפילט, ווי א פוזיר. און דאס מאכט די יסורים נאך שרעקליכער. נאך אזא אטאקע קאן דער שטײן ארונטער טופען אויפ'ן וועג צום בלאז, אדער ער קאן בלײבען שטעקען און נאך א געוויסער צײט קומט ווידער אזא אטאקע. קומט אן דער שטײן אין דעם בלאז, אזוי הערען די אטאקעס אויף און אדער דער שטײן קומט ארוים מיט'ן וואסער, אדער עס הויבט זיך אן אנ'אנדער טין „וואסער-כבה", ביז דער שטײן ווערט אבגעטריבען.

א חוץ אט די שמערצען זענען שטײנער א סכנה נאך פון אנ'אנדער שטאנדפונקט. זײ זענען גו מזיק פאר די נירען ווי קאנען צעשטערען די נירען, פאַוואַלינקען, אבער זיכער. די נירען-סובסטאנץ געהט צו-גרונט. בײ אײניגע מעהר, בײ אנדערע וועניגער, און לאנג מיט שטײנער לאנגע יאהרען, איז בעסער פון זײ פטור צו ווערען איידער דער גור איז צעשטערט.

וואס איז צו טון, אויב אײנער האט שטײנער?

שטײנער צו שטײנער זענען נים גלײך. עס איז גומא קײן מן קאמפיע פאר אלעמען. יעדער פאל איז א פאל פאר זיך. אבער אויב עמיצער האט א פערדאכט אויף שטײנער, איז בעסער, אז ער זאל אויסגעפינען, וואו דער „שוך קוועטשט" וואס צו טון הענגט אב א סך דערפון, ווי גרויס דער שטײן איז, וואו ער געפינט זיך ערגיץ, ווי לאנג ער איז שוין א שכן און פון וואס פאר א כעמישער פאמיליע ער שטאמט. אנ'עקס-שטראהל וועט אויסגעפינען ארום 80% פון די שטײנער, די אנדערע 20% קאן מען אויסגעפינען מיט אנדערע מיטלען. מאנכע שטײנער קאן מען ארויסטרײבען אהן א אפעראציע (דאס זענען די מײסטע פון זײ); אנדערע ווידער מוז מען אפערירען ווען און וואו, איז א הארבע שאלה, וואס מוז פערענטפערט ווערען נאך א גענויער אונטערזוכונג. שפעטער, אויב מען וויל פערהיטען, אז זאמד און שטײנער זאלען נים צוריקקומען, מוז מען גענוי אויסגעפינען, וואס איז שולדיג אין דער שטײן-קראנקהײט, אנ'ענדערונג פון דער דיעטע, די דערהײמטערונג פון זאפארעס, וואס שטערען די פרײע ענטלידיגונג פון'ם וואסער און דאס אויסטריקענען פון קוואלען, פון וואנען עס נעמען זיך אינפעקציעס קאן העלפען בײ מאנכע מענשען, כדי פטור צו ווערען פון דעם „שטײן און זאמד".

זאמד און שטײנער זענען שלעכטע שכנים און מען דארף פון זײ פטור ווערען.

די געהײמניש פון יענער נאכט...

שפאנענדער ראמאן פון לאדזער לעבען.

פון לעאן פײערמאן.

(63-טע פארטזעצונג.)

— און ווען דארף דאס געשעהן? — האט אנ'אויפגערעגטער ווײנבארטען געפרעגט.

— מארגען בײ נאכט...

— ווען פאהרט איהר אװעק?

— הײנט 12 מיטאג. גאלדשטײן דארף אויף אונז ווארטען אין קאטאװיץ. יעדער פון אונז וועט פאהרען בעזונדער, כדי נישט ארויסצורופען קײן שום חשד. מארגען בײנאכט פאהרען מיר ארויס פון קאטאװיץ צו דער דײטשער גרענעץ.

— וואס דארפט מען טון?

— גאנץ אײנפאך — האט פרעדעק געענטפערט — איהר וועט פאהרען מיט אנ'אויטא קײן קאטאװיץ. מארגען אין אװענד וועט איהר אין האטעל בעקומען פון מיר א בריף, אין וועלכען איך וועל אײך מיטטײלען דאס ארט און די שעה. אויף דעם בעצײכענטען ארט מוזט איהר פונקטליך קומען. איהר וועט דארט ווארטען אין אויטא. אויף מײן צײכען — דער צײכען וועט בעשטעהן פון צװײ מאל א פײף און א בלישטש מיט אנ'עלעקטריש לעמפעל — וועט איהר צופאהרען צו מיר, איהר וועט עפענען דאס טיר פון אויטא און איך וועל דארט צו אײך ארײנזעצען פרל. אסתר.

— ווי אזוי וועט איהר דאס מאכען?

— דאס דארף אײך נישט אנגעהן...

— ענטשולדיגט... עס געהט מיך אן צוליב אײן זאך. עס האנדעלט זיך װעגען דעם, אז אסתר מוז ארײנפאלען אין מײנע הענט אנ'אומבעשעדיגטע... קײן האר פון קאפ טאר איהר נישט אראבפאלען... איהר זענט פעראנטווארטליך דערפאר מיט אײער לעבען... קײן שום שלעכטס טאר איהר נישט געשעהן, איהר הערט...

— איך פערשטעה, די זאך וועט ווערען ערלעדיגט, ווי איהר ווינשט...

— גוט... און צי פאהרט איהר אלע צוזאמען?

— יא, אין אײן צוג, אבער יעדער אין א בעזונדערן וואגאן...

— פרעדעק האט זיך פליצלונג פערטראכט און געזאגט:

— איהר ווײסט וואס?... איהר וועט נישט פאהרען מיט קײן אויטא... איהר וועט פאהרען אויף א צוג, אבער נישט צוזאמען מיט אונז... איהר וועט פאהרען פריהער... דער צוג קײן ווארשא געהט ארויס 10 א זײגער... אין ווארשא אויפ'ן וואקזאל וועט איהר ווארטען אויף מיר... איך וועל אײך ארײנפיהרען אין מײן וואגאן, אזוי אז קײנער זאל אײך נישט דערזעהן...

— און מיר וועלען צוזאמען פאהרען קײן קאטאװיץ?

— יא... איהר וועט אװעק אין האטעל און ווארטען אויף מײן בריף...

— גוט... הײסט עס, אז איך מוז זיך אײלען...

— אײער צוג געהט אב 10 א זײגער... נעמט מיט אויפ'ן יעדען פאל א גרעסערע סומע געלד — האט פרעדעק צוגעגעבען.

— און א רעוואלווער — האט ווײנבארטען דערמאנט.

— דאס איז אפילו איבעריג... איך גאראנטיר, אז ס'וועט דאך גארנישט געשעהן...

— און צי האט איהר זיך נישט דערוואוסט, פארוואס זײ אנטלויפען קײן אמעריקא?

— איך ווײס נישט... איך מײן, דארט וועלען זײ זיך פיהלען זיכערער... בײדע האבען דאך ניט די זיכערקײט, צי זײ וועלען זיך דא לאנג געפינען אויף דער פרײ... דארט וועלען זײ זיך פיהלען זיכערער...

— אזוי מײנט איהר... אבער דאס וועט זיך זײ נישט אײנגעבען!...

— איך מײן אויך, אז נײן...

— אבער איהר מוזט זיך אײלען... ביזט צו געדענקען... איהר וועט ארויספאהרען 10 א זײגער... מיר וועלען זיך צום ערשטען מאל טרעפען אין ווארשא מארגען אין דער פריה... איהר וועט אויף מיר ווארטען אין ווארטע-זאל פון דריטען קלאס... דארט וועט גאלדשטײן נישט ארײנקומען...

— גוט... ערלעדיגט... צום ווידערזעהן!...

— זײ האבען זיך געדריקט די הענט. ווײנבארטען איז א דערפרעהטער ארויס פון דער וואוינונג.

הײנט עס מארגען. מארגען, איז מעגליך, וועט אסתר זײן בײ איהם. זײ וועלען זײן צוזאמען. יעצט וועט ער מיט איהר פאהרען קײן אמעריקא... יא, צוזאמען, און קײנער וועט זײ נישט צעשײדען... די אונטערנעמונג זאל זיך נאר אײנגעבען. דער פלאן איז אנ'אויסגעצײכענטער. פרעדעק איז א געשיקטער בחור, א, ער וועט זיך אנ'עצה געבען.

— ווײנבארטען האט קײן סך צײט נישט געהאט איבערצוקלערען זיך. ער איז אוועק פון פרעדעק'ן האלב 10 א זײגער. דער צוג געהט אב פינקטליך 10 א זײגער. ער האט זיך ארײנגעלײגט עטליכע זאכען אין א קלײנער וואליזע און איז בעפאהרען צום וואקזאל. ער האט נאך געהאט א קורצע צײט. דער אויטאמאביל האט מיט א געשווינדענער גיכקײט זיך געגליטשט איבער די גאסען.

וואס וועט זײן, אז ער וועט פערשפעטיגען דעם צוג? אלץ וועט אויסגעהן זײן פערלוירען!

— שנעלער! שנעלער! — האט ער געיאגט דעם שאפער.

ער איז אנגעקומען 3 מינוט פאר'ן אבגעהן פון צוג. שנעל איז ער צוגעלאפען צו דער קאסע.

און ער איז ארײנגעשפרונגען אין וואגאן פון דער ערשטער קלאס, האט דער צוג זיך בעריהרט פון ארט.

ווײנבארטען האט שווער אבגעאטעמט און מיט א טיכעל אבגעווישט דעם שווײס פון שטערן.

(פארטזעצונג קומט.)

ווײן און קאניאק
כרמל
TRADE MARK

מ. בארענשטײן | בעקאנטמאכונג. | נאוואמיעסקא 30

דערמיט האב איך די עהרע מיטצוטײלען די געעהרטע קונדשאפט, דאס איך בין פערזעהען צו דעם קומענדיגען יום"ט מיט פערשידענע געטרענקער

כשר לחג הפסח

ווי אויך אלטע אונגער- און ארץ-ישראל-ווײנען ווי אויך מעהד, בראנפען, ליקער און ראדזינער-ווײנען, פון מײן אײגענע פאבריק

מיט אכטונג
מענדעל בארענשטײן
נאוואמיעסקא 30

טעלעפ. 30-58 | טעלעפ. 30-58

דרייסיג דורות יודען אין פוילען.

(ענדע פון זייט 7).

אמאל ערגיץ אנגעשטויסען אויף אזא פרימפליווציגען מענש, ווי פינחס לאזוראוויטש מיט דינעלבע שרעקליכע אויגען און מיט דעמזעלבען קלינגענדען פוילישען לשון.

אויפ'ן שלאס האט מען חושעוויצקי'ן תיכף געגעבען די פערלאנגטע מיליטערישע הילף, דורכצופיהרען מיט'ן גייסטאנד פון עטליכע סאלדאטען די אמטהאנדלונג פון דעם שטייער. הצט זיך שוין די גאנצע יודישע גאס פון פשעמישל געהאט צונויפגעקליבען, מקבל פנים צו זיין די סאלדאטען מיט א קאצען-מוזיק און פאר קיין אופן נישט ארייננצולאזען זיי אין קיין שום יודיש הויז.

מיט די סאלדאטען ביי דער זייט האט זיך שוין דזשיעשוויצקי'ן אויסגערעכט, אז ער דארף נישט מעהר קיין מורא האבען. דאס איז אבער נאר געווען אויף לאנג, ווי ער האט זיך נישט באגעגענט מיט'ן בליק פון פינחס'עס אויגען. אט דער בליק האט פערוואונדערט, ער זאל זיך אביסעל צוריקציהען און ארויסשטויסען די סאלדאטען אין פראנט. האבען זיי זיך מאקע באלד א לאז געטאן אויף פינחס'ן. האט ער א ריס ארויסגעשלעפט די סאלדאטען פון דעם פאהנען-טרעגער — און ווען דזשיעשוויצקי האט דאס דערזעהן, האט ער תיכף דעם יוד דערקענט און האט זיך געליך דערמאנט, וואו און ווען ער האט איהם בעגעגענט.

— אה, דאס ביזטו — האט ער א געשריי געטאן — דאס ביזטו דער יודישער פערדעטער, וועלכער האט אונטער'ן נאמען יאן ברעדלא געדינט אלס אפיציר ביי דער שוועדישער ארמעע גע, ווארט, ריך וועל איך שוין אבלערנען!..

מיט אלע זיינע כחות האט זיך אוצט דזשיעשוויצקי א ווארף געטאן אויף פינחס'ן און מיט דער הילף פון מאגיסטראטסקען משרת צוזאמען מיט די סאלדאטען האט זיך עס איהם איינגעגעבען, דעם יוד צו בעהעלטינען — און א געבונדענעם אין קייטען האט מען איהם דאן אוועקגעשלעפט צום שלאס.

אין דער תפיסה האט פינחס אונטער-געלעבט און זיינע געדאנקען אלע געשעהעגישען פון זיין לעבען. ער האט זיך דערמאנט פערשידענע פארפאלען פון זיין יוגענד, ווי אזוי ער האט פאר זיין האנד געצימערט, ווי ער האט זיך פסדר געריסען צו דינען ביים מיליטער, האט מען איהם געהייסען זיך פריהער שמד'ן. און ווען די שוועדען האבען בעלאגערט פשעמישל, האט ער זיך ארויסגע'גנב'עט צו זיי און איז געגאנגען קעמפען און ווייטער רייזען. תחילת האט ער אפילו געקלערט. ז נעהן דינגען צו די שוועדען היינט א פערראט געגען פוילען. אזוי ווי ער האט אבער געזעהן, ווי פיל פאלאקען געהען אריבער צו די שוועדען, ווייל זיי האלטען, אז קארל גוסטאוו פון שוועדען וועט זיין בעסער אלס קעניג פאר פוילען, ווי עס איז פאר זיי דער יאן וואזע קאזשימיר, איז זיין געוויסען בערוהיגט געווארען און ער האט זיך נים מעהר בעטראכט אלס פערדעטער.

האט פינחס פון זיך ארונטערגעווארפען די קאפאטע מיט די פאות און איז אריבערגעגאנגען צו די שוועדען. און פשעמישל האט מען געמיינט, אז ער איז ערגיץ דערהרג'עט געווארען, אדער אפשר האט איהם נאר קיינער נישט גע-

האט און זוכען. די איינציגע זאכע האבען איהם געוואלט מאכען פאר א רב און ער האט נישט געהאט קיין חשק צום לערנען. האט די משפחה געהאט פון איהם חרפות, זאגענדיג זיי אודאי געווען צופרידען, וואס ער איז פלוצלונג בעלם געווארען.

אונטער פוילען האט ער זיך געשלאגען, ווי א לייב, ביי דער שראבערונג פון פוילען האט ער אוואנסירט. דארט האט ער זיך פערליבט אין א יונגער פריצת, זאשא זארעמבסקא, פון אנ'אלטער שלאכטישער פאמיליע. קיינער האט דארט נים געוואוסט, אז ער איז יוד. דארט איז ער געווען א שוועדישער אפיציר, א געבוירענער פאלאק — און ווען זאשא האט איהם געפרעגט, ווי ער הייסט פון דער היים, האט ער איהר געזאגט, אז זיין נאמען איז יאן ברעדלא. אין די יונגע פריצה צופרידען געווען מיט זיין נאמען. דער פאטער איהרער האט געזאגט, אז ברעדלא איז אנ'אלטע שליאכטשיצער פאמיליע, און די מוטער פון זיין געליבטער האט אנגעקוואלען פון זיין שעהנער צורת.

שפעטער האט ער אין פוילען חתונה געהאט. די קינדער איז געווען פול מיט גליק און ישראל האט בעוואונדערט דאס שעהנע פאר. דארט האט ער זיך בע-קענט מיט דזשיעשוויצקי'ן, וועלכער האט זיך געדרעהט ארום זיין כלה און ער האט איהם דערפאר אמאל צוגעזאגט, אז אויב ער וועט זיך נישט אבטראגען, וועט ער איהם אבברעכען די ביינער. א יאהר נאך דער חתונה איז ביי איהם געבוירען געווארען זוהן. איין גאט ווייסט, וואו ער איז איצט...

פלוצים האט זיך שוועדען'ס מזל געטוישט. די פוילישע ארמעע האט צוריק ערעבערט פוילען און צוזאמען מיט די שוועדישע סאלדאטען האט ער, דער אפיציר, יאן ברעדלא, געמוזט פון דארט אנטלויפען, אונטערוואַרטענס איז דאס געשעהן. דאס ווייב זיינס ווייסט אפילו נישט, וואו זיין געבליבען איז אהינגעקומען. א צייט לאנג האט ער זיך דער-נאך אויפגעהאלטען ביי די שוועדישע סאלדאטען, ביז דאס איז איהם אויך נמאס געווארען. האט ער צוריק אנגעטאן זיין יודישע קאפאטע, האט זיך געלאזט וואקסען באָרד און פאות — און האט זיך צוריקגעקעהרט קיין פשעמישל, וואו ער האט געהייראט דאס ערשטע מיידעל וואס ער האט בעגעגענט.

זיין זאשא פון פוילען האט ער אבער קיינמאל נים פערגעסען — און ווען עס איז איהם אמאל אנגעפאלען א בענקשאפט נאך יענער, פלעגט ער אריינפאלען אין א רציחה, פשוט אויסצופוילען יעדען, וואס איז איהם געקומען אין וועג.

די נערוועזע קלאנגע נעגען פינחס לאזוראוויטש איז דאן געווען, אז ער האט געדינט אין דער שוועדישער ארמעע. ווען פוילען איז געווען אין קריג מיט שוועדען, אז ער האט בעלייריגט דעם קאטוילישען קעניג, ווען ער רהאט אלס יוד געהייראט א קריסטין — און נאך וועגען פיל אנדערע זינד געגען די געזעצען פון'ם לאנד, וואס פאר יעדע איינצע פון זיי קומט דער טויט.

מיט וואס פאר א טויט פינחס לאזוראוויטש איז דערנאך געשטארבען, איז שוין נישט קיין חלוק!

—o—

טעאטער „סקאלא“

צעגעלניאנא 18.

גאסטשפילן פון ווארש. יודישן קונסט-טעאטער

ו.י.ק.ט.

אונטער דער לייטונג פון

אידא קאמינסקא און זיגמונד טורקאוו

מארגען שבת, 3.30 נאכמ.

דער גורל

דראמע אין 4 אקטען פון קארל מערע.

מארגען שבת, 8.30 אווענט

דער אוצר

קאמעדיע אין 3 אקטען פון דוד פינסקי

זונטיק, ד. 3 אפריל, 8.30 אוו.

מארפיום

דראמע נאכטורן אין 4 אקטען פון ד"ר הערצער, יודיש: יצחק טורקאוו.

מאנטיק ד. 4 אפריל 8.30 אוו.

ברידער קאראמאזאוו

דראמע אין 3 אקטען 10 בילדער פון דאסטאיעווסקי, אינסצעניזירט פון אידא קאמינסקא.

אנסאמבל לויט א"ב: פרויען: אלטבוים פעניע, קאמינסקא אידא, ראפאעל מארים. הערען: גרודבערג יצחק, דאמב אדם, הירשפעלד זלמן, טורקאוו זיגמונד, זעלבאן מאיר, מאנדעלבליט יעקב, מאקסימאוו מ., עפשטיין בנימין. ——— אנהויב פון די פארשטעלונגען פינקטליך האלב 9 אווענט. ——— די קליינע צאהל איבערגעבליבענע בילעטן צו בעקומען אין קאסע פון „סקאלא“. אדמיניסטר. מ. מאקסימאוו.

חוזק

הומאר און סאטירע — פון דער וואך —

צוזאמענגעשטעלט — דורך — אב—נעק.

וואך-קלאנגען.

פון גראת מאלי.

באלוט מאנצט, און באלוט הוליעט
אוצרות פרייד האט זי א פולע
אלע זענען איהר מקנא
